STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05199

DER TOYRE-KVAL

A. Zisha Frydman

Permanent preservation of this book was made possible
by Aubrey Dickman & Sally Frankental
in memory of
their mother, Jane Dickman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער תורה-קוואל

(מעיָנה של תורה)

ווערטער, רעיונות, השקפות און אַפאָריזמען
פון גאוני וגדולי ישראל

אויף די וואָכען-פרשיות, הפטרות,
ימים-טובים און תרי"ג מצוות

געקליבען, צוזאַמענגעשטעלט און פּאָפּולאַריזירט דורך
אלכסנדר זושא פרידמאַן

פסח

ווארשא ■ הוצאת „חורב" ■ תרח"ץ

אדרעס פון פערלאג „חורב״ :
פ. לעווין ווארשא טוואַרדא 29
טעל. 3.06.08.
פ.ק.אָ 15609 (ז. פרידמאן)

A. Z. FRYDMAN
„DER TORA-KWAŁ"
Wyd. „CHOREW" Warszawa.

Printed in Poland

געזעצט: דרוקעריי ש. שטיינזאלץ ווארשע וואלאווא 8

Druk. Sz. Sikora i I Milner, Warszawa, Nowolipie 44

אינהאַלט:

א. שבת הגדול

ב. הפטרה שבת הגדול

ג. הכנות לפסח

ד. מים שלנו

ה. בדיקת חמץ

ו. תענית בכורים

ז. ערב פסח

ח. חג הפסח

ט. ס ד ר

י. ארבע כוסות.

יא. סיפור יציאת מצרים

דער תורה.קוואל

פסח

שבת הגדול

דער שבת פאַר פסח הייסט „שבת הגדול״ צוליב דעם גרויסען נס, וואָס איז אין איהם געשעהען. אינ׳ם יאָהר ווען יודען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים איז דער צעהנטער טאָג אין ניסן אויסגעקומען שבת. יודען האָבען דעמאָלט גענומען דאָס שעפסיל, וואָס איז געווען פערהייליגט ביי די מצריים, פאַר אַ קרבן־פסח און די מצריים האָבען געקריצט מיט די ציין און גאָר נישט געקענט טהוען.

(טור או״ח)

אָבער וואָס איז דאָס נס גרעסער דערמיט, וואָס ס׳איז געווען שבת, אַז דער צעהנטער ניסן וואָלט געפאַלען אין אַ וואָכענס־טאָג וואָלט דאָך אויך געווען דאָס זעלבע?

נור ווי בעוואוסט האָבען די מכות נישט שולט געווען אין שבת (בעל־הטורים וארא). דער צעהנטער טאָג ניסן איז פונקט דאַן אויסגעקומען אין דער צייט, וואָס ס׳האָט געהערשט די מכה פון חושך. ווען עס וואָלט אַלזאָ געווען אין אַ וואָכענס־טאָג, וואָלטען דאָך די מצריים גאָרנישט געזעהען, אַז יודען גרייטען צו אַ שעפסיל און ס׳וואָלט ממילא קיין נס נישט געווע־זען. ווייל עס איז אָבער געווען שבת, האָט דאָך די מכה חושך נישט שולט געווען און די מצריים האָבען יאָ אַלץ געזעהען און געמוזט שוויי־גען — דאָס איז געווען דאָס נס.

(דבש לפי)

די טעג אין וועלכע מען לערנט תורה, הייסען גרויסע טעג. ווי דער פסוק זאָגט: „כי בי ירבו ימיך״ — דורך מיר, זאָגט די תורה, ווערען דיינע טעג גרעסער. און ווייל אין דעם שבת דרש׳ענען די יודישע מנהיגים פאַר׳ן פאָלק און לערנען זיי די דינים פון פסח, אויך יעדער מענש איז עוסק אין די הלכות — הייסט ער דעריבער „שבת הגדול...

(בינה לעתים)

לויט׳ן מדרש האָבען יודען נאָך אין מצרים געהיטען שבת. אָבער מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז זייענדיג שטענדיג פערהאָרעוועט אין דער שווערער אַר-בייט, האָבען זיי געמוזט דעם שבת מק-צר זיין. אָנגעהויבען איהם שוין אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין און געמוזט זיך איילען איהם צו פערענדיגען. יעצט ווען יודען האָבען זיך שוין געפיהלט אַביסעל פריי, האָבען זיי געקענט הי-טען דעם שבת ווי מען דאַרף, זיי האָבען מוסיף געווען מחול על הקודש, און געווען „ממהרים לבוא ומאחרים לצאת”, איז דער שבת ווירקליך גע-ווען גרעסער — דעריבער הייסט ער „שבת הגדול”...

(שרגי טובא)

אין דער תורה ווערט דער ערש-טער טאָג פון פסח אָנגערופען „שבת” — וספרתם לכם ממחרת השבת.

די צדוקים וואָס לייקענען אין דער מסורה האָבען דעריין נישט מודה גע-ווען און זיי האָבען געזאָגט, אַז מען הויבט אָן צו צעהלען ספירה זונטאָג, טאָקי צומאָרגענס פון געוועהנליכען שבת.

כדי מפרסם צו זיין, אַז ס'איז נישט אַזוי ווי די צדוקים, האָבען די חז״ל בכוונה גערופען דעם שבת פאַר פסח „שבת-הגדול”, צו ווייזען דערמיט, אַז אין דער דאָזיגער וואָך איז פערהאַן נאָך אַ שבת, דאָס איז דער ערשטער טאָג פסח. אַקייגען יענעם שבת — וואָס איז געמיינט יום-טוב, הייסט ד ע ר שבת „שבת הגדול”...

(הרב מוהר״ר מרדכי זאב ז״ל הספרדי)

דאָס נעמען אַ קרבן-פסח איז גע-ווען די ערשטע מצוה וואָס יודען זענען נצטוה געוואָרן. כאָטש די אבות און זייערע קינדער האָבען מקיים גע-ווען די תורה, אָבער דאָס האָבען זיי געטהון פון אייגענעם ווילען אָהן אַ געטליכען בעפעהל.

די חז״ל זאָגען דאָך: „ג ד ו ל המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה” — הייסט עס דעריבער „שבת הגדול” — ווייל יעצט איז זייער ער-פילען די מצוה געווען ג ר ע ס ע ר ווי ב י ז י ע צ ט.

(עוללות אפרים)

יעדען מוצאי-שבת זאָגט מען „ויהי נועם”, ווייל נאָך שבת געהען די רשעים צוריק אין גיהנם. אויב אָבער עס גאַפאַלט יום-טוב אין מיטען דער

וואָך, זאָגט מען נישט מוצאי-שבת די תפלה „ויהי נועם", ווייל צוליב דעם יום-טוב דערנאָך, ווערן שוין די רשעים נישט צוריק געמשפט אין גיהנם ביז נאָך יום-טוב. די קדושה פון שבת ציהט זיך דאַן אין דער וואָך אריין ביז צום יום-טוב.

(טוא"ח סימן רצ"ה)

ווייל פסח אין מצרים איז דאָך געווען דער ערשטער יום-טוב וואָס יודען האָבן בעקומען און איז דאַן אויסגעפאַלען אין דאָנערשטאָג, קומט דאָך אויס, אַז דער שבת פאַר יציאת מצרים איז דעמאָלט געווען גרעסער און זיין קדושה האָט זיך געצויגען איבער דער גאַנצער וואָך — אין דער צייט וואָס ביז דאַן האָט נור דער שבת געדויערט פיער און צוואַנציג שעה — האָט ער דעריבער בעקומען דעם נאָמען „שבת הגדול" אַלס דער ערשטער שבת, זייט בריאת-העולם וואָס איז פערגרעסערט און פערלענגערט געוואָרען.

(דרשות חתם סופר)

דער דין איז, אַז אַ גדול — אַ דער-וואַקסענער מענש, האָט זיין מחשבה אויך אַ בעדייטונג, אַזוי אַז מיט דער בלויזער מחשבה וואָס ער האָט אין זינען אַ זאַך צו מאַכען פאַר אַ כלי, בעקומט עס אַ דין פון אַ כלי. דאַ-געגען אַ קטן האָט נישט קיין מחשבה נור ער מוז אויך צוטהוען אַ מעשה.

ס'איז אויך אַ חילוק צווישען יודען און גויים, אַז ביי יודען, ווערט אַ גוטע מחשבה פערעכענט ווי אַ מעשה — חשב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה — אָבער ביי אַ גוי איז נישט אַזוי.

צו דעם האָבען יודען זוכה געווע-זען, ווייל השי"ת האָט זיי אויס-געקליבען אַלס זיין הייליג פאָלק און זיי געגעבען זיין תורה און מצוות.

קומט דאָך אויס אַז דעמאָלט ווען יודען האָבען בעקומען די ערשטע מצוה צו נעמען אַ קרבן-פסח, האָבען זיי בעקומען דעם דין פון אַ גדול, אַז זייער מחשבה איז אַזוי ווי אַ מעשה — דעריבער האָט דער טאָג בעקומען דעם נאָמען „שבת הגדול"...

(בני יששכר)

די חז"ל דרש'ענען (ברכות נ"ח): „לך ד' הגדולה — זו מעשה בראשית". אויב עס ווערט קלאָהר, אַז די גאַנצע נאַטור-וועלט, כאָטש זי פיהרט זיך אויף פעסטע רעגעלמעסיגע געזעצען, ווערט אָנגעפיהרט דורך השי"ת וואָס האָט איהר בעשאַפען — הייסט עס אַז מען אַנערקענט די „גדולה" פון השי"ת.

ווייל דורך די נסים פון יציאת מצרים, איז דאָך אָט דאָס נתברר

געוואָרען אויף דער גאַנצער וועלט. אַז אפילו די טבע האָט אַ מנהיג און אַ משגיח וואָס קען איהר ענדערען, איז דערמיט ממילא צוריק געגעבען געוואָרען דאָס גדלות צו השי"ת — דעריבער הייסט דער שבת „שבת הגדול"...

(ספר הזכות)

דעריבער הייסט ער „שבת הגדול" — האָט דער חדושי הרי"ם ז"ל געזאָגט — ווייל ער צושטערט (פון לשון „והשבתם אותם") דאָס נישט עהרליכע גאות און גדלות פונ'ם מענש. דער שבת דערהויבט דעם מענש אַזוי אַז ער זאָל פיהלען זיין אייגען נישטיגקייט...

פאַרוואָס איז טאַקי אויסגעקומען די מצוה פון לקיחת קרבן פסח דוקא אין שבת?

ווייל דאָס נעמען דעם קרבן-פסח, איז געווען אַב'ענין פון בטול עבודה-זרה, — משכו ידיכם מעבודה זרה וקחו לכם צאן למצוה — און שבת האָט דאָך טאַקי דעם כח מבטל צו זיין דעם חטא פון עבודה זרה, ווי די חז"ל זאָגען: „כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו". — האָט דאָך ממילא די שמירת שבת צוגעהאָלפען, אַז ס'זאָל קענען זיין „משכו ידיכם מעבודה זרה"...

(מאור ושמש)

דער רמב"ם זאָגט, אַז אברהם אבינו האָט דאָס גאַנצע לעבען געשטרעבט און געהאָפט, דאָס פון איהם זאָל אַרויסקומען אַ גאַנצע אומה, וואָס זאָל אויף זיך מקבל זיין דעם עול מלכות שמים און טהוען דעם רצון-השם.

יעצט ביי די מצוה פון לקיחת-הפסח, וואָס איז דאָך די ערשטע מצוה, וואָס יודען האָבען בעקומען אַלס פאָלק, איז דאָך ערפילט געוואָרען די שטרעבונג און דער וואונש פון אברהם אבינו. ס'איז שוין יעצט דעצידירט און בעשטימט געוואָרען, אַז יודען ווערען דאָס געטליכע פאָלק.

און ווייל אברהם אבינו ווערט אָנגערופען: „האדם הגדול" — הייסט דעריבער אויך דער שבת, אין וועלכען די יודען האָבען ערפילט די מצוה פון לקיחת הפסח: „שבת הגדול" — דער שבת פון דעם „אדם הגדול", אברהם אבינו...

(חדושי הרי"ם)

אַז דאָס מויל רעדט לשון־הרע און ס'איז נישט ריין פון שלעכטע דבורים, הייסט עס „לשון מדברת גדולות".

די חז"ל זאָגען, אַז דער חטא פון לשון־הרע איז גרעסער פון עבודה־זרה, גלוי־עריות און שפיכות־דמים. ביי די דאָזיגע דריי עבירות שטעהט טאַקי דער בעגריף פון „גדול". ביי שפיכת־דמים — גדול עווני מנשוא (ביי קין'ען); ביי גלוי־עריות — ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת (ביי יוסף'ן) און ביי עבודה־זרה — חטא העם הזה חטאה גדולה (ביים עגל). ווען לשון־הרע איז האַרבער פון די דריי עבירות, הייסט ער געוויס „גדול".

יציאת־מצרים האָט ריין געמאַכט די יודישע מיילער, אַז זיי זאָלען נור רעדען פון גדלות הבורא און נישט קיין שלעכטע רייד. די ספרים זאָגען דערויף אַ רמז פון וואָרט „פסח", וואָס הייסט „פה־סח" — דאָס מויל זאָל רעדען. דעריבער איז אויך אין פסח אַ מצוה צו רעדען און דערצעהלען די נסים פון יציאת מצרים, — וכל המרבה לספר הרי זה משובח.

ווייל אַלזאָ דאָס נס פון יציאת־מצרים העלפט צו מבטל צו זיין דעם „לשון מדברת גדולות" און רייניגט דאָס יודישע מויל, אַז עס זאָל נור רעדען פון גדלות הבורא — הייסט דעריבער דער שבת פאַר פסח „שבת הגדול"...

(חשבה לטובה מהרה"ק רח"ה מאלכסנדר ז"ל)

ביז יציאת מצרים, האָט דער שבת געהאַט נור בלויז איין ציעל, צו גע־דענקען דורך איהם אין בריאת־העולם דורכ'ן בעשעפער — כי ששת ימים עשה ד' את השמים ואת הארץ. יעצט אָבער ביי יציאת־מצרים, האָט דער שבת בעקומען נאָך אַ ציעל צו גע־דענקען דורך איהם אין די נסים פון יציאת־מצרים — וזכרת כי עבד היית במצרים ויפדך ד' אלהיך משם.

קומט דאָך אויס, אַז יעצט איז די מצוה פון שבת גרעסער געוואָרען — דאָס הייסט „שבת הגדול"...

(שפת אמת)

ווען אַ מענש ווערט אַלט דרייצעהן יאָהר און ווערט אַ בר־מצוה, הייסט ער פּוּ; דאַן אָן אַ גדול.

אַזוי אויך דאָס יודישע פאָלק אַלס כלל, וואָס האָט דאַן בעקומען די ער־שטע מצוה אַלס חיוב, איז געוואָרען בר־מצוה און ממילא אַ גדול — דעריבער רופט מען דעם טאָג „שבת הגדול".

(ספרים)

אַלע מכות זענען באמת געווען נסים, אָבער די דאָזיגע נסים זענען נישט געווען בלויז פון מדת-החסד נור געמישט מיט מדת-הדין, וואָרום די מצריים האָבען דאָך דאַדורך געליטען, ווי די חז"ל זאָגען: „נגוף ורפוא — נגוף למצריים ורפוא לישראל". דאָס נס אָבער פון דעם שבת, ווען די מצריים זענען פערשטומט געוואָרען און האָבען גאָרנישט יודען געקענט זאָגען, איז געווען בלויז חסד, קיינער האָט נישט געליטען דערפון.

און ווייל די מדת-החסד ווערט אָנגערופען „גדולה" (אברהם אבינו וואָס זיין מדה איז געווען בלויז חסד ווערט אָנגערופען „האדם הגדול בענקים"), — דעריבער הייסט דער שבת אויך „שבת-הגדול", ווייל דאָס נס וואָס איז אין איהם געשעהען, איז בעשטאַנען פון בלויז חסד פאַר יודען אָהן מכות פאַר די מצריים.

(שם משמואל)

* * *

דעריבער ווערען די נסים וואָס זענען געטהוען געוואָרען דורך אלישע הנביא, אָנגערופען אין פסוק „גדולות" (ספרה נא לי את כל הגדולות אשר עשה אלישע — מלכים ב׳ ח׳ ד׳) — ווייל די אַלע מופתים פון אלישע זענען געווען בלויז פון חסד און טובות. קיינער האָט נישט געליטען דורך זיי.

(שם בשם הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

* * *

דער דאָזיגער רעיון ווערט נאָך געזאָגט דורכ'ן חתם-סופר ז"ל, און ער גיט דערביי צו, אַז דאָס איז די כוונה פונ'ם פסוק: „בגדול זרועך ידמו כאבן" — דאַן ווען די שונאים ווערען פערשטומט ווי אַ שטיין, זיי זאָלען נישט קענען קיין שלעכטס טהוען און ממילא ווען רען זיי נישט בעשטראָפט — אַזאַ אַרט נס איז גאָר גרויס און הייסט „בגדול זרועך" אַזוי ווי שבת הגדול".

כיון ששבו ישראל בתשובה הקב"ה מוחל עוונותיהם לפיכך נקרא שבת הגדול. (מדרש פליאה)

די חז"ל זאָגען (חולין ס׳), אַז די צדיקים רופען זיך „קטן" (יעקב-הקטן, דוד-הקטן), ווייל די צדיקים פיהלען זיך נישט קיינמאָל אַלס אונאָבהענגיגע מענשען, נור זענען דבוק אין השי"ת וואָס הייסט „גדול — איז אין בעצוג

צו השם יתברך זענען זיי „קטן".
אויף השי"ת אַליין אַן און פאַר זיך, פּאַסט זיך אויך נישט דער טי־טעל „גדול", וואָרום ער איז דאָך העכער פון אַלע בעגריפען פון גדלות וואָס אַ מענש קען משיג זיין, נור וייל ער רוהט צווישען יודען און איז זיי מקרב צו זיך — איז אין בעצוג צו זיי ווערט ער גערופען „גדול".
קומט דאָך אויס, אַז צוליב דעם וואָס יודען טהוען תשובה און השי"ת איז זיי מוחל די זינד און איז זיי מקרב צו זיך, ווערט ער דאַדורך אָנגערופען „גדול".

הייסט דעריבער דער שבת פאַר יום־כפור (שבת שובה) וואָס סימבאָליזירט דעם ווילען פון יודען זיך צו דערנעהנטערן צו השי"ת — שבת הקטן, וויל דורך זייער דאָזיגען ווילען זיך מדבק צו זיין אינ'ם גדול הייסען זיי „קטן". דער שבת אָבער פאַר יציאת־מצרים, אין וועלכען השי"ת האָט זיך מקרב געווען צו יודען זיי אַרויס־צונעמען פון טומאת־מצרים צו זיין קדושה — הייסט „שבת הגדול", וויל דאַדורך ווערט דאָך השי"ת אָנגערופען „גדול"...

(חתם סופר)

דער של"ה הקדוש ברענגט, אַז ס'איז געווען אַ מנהג צו באַקען אויף שבת־הגדול אַ ספּעציעלע חלה וואָס מען האָט אָוועקגעגעבען אָרימעלייט און מען האָט איהר גערופען „אָרימע חלה". זייט — זאָגט דער של"ה — מען האָט אָנגעהויבען גרינגשעצען דעם דאָזיגען מנהג איז נישטאָ קיין ברכה אין דער תבואה.

עס ווערט אויך געברענגט, אַז דער מהרש"ל האָט איינגעפיהרט דאָס יעדער זאָל פאַר פסח אָפּבאַקען אַ חלה פונ'ם מעהל וואָס מען האָט געמאָהלען אויף פסח, כדי, טאָמער איז פערהאַן אַמשהו פון חמץ אינ'ם מעהל, זאָל מען קענען תולה זיין, אַז מען האָט עס אויפגע־געסען פאַר פסח מיט אָט דער חלה.

* * *

דערמיט איז צו פערשטעהן דעם מדרש אויפ'ן פסוק: „גלתה יהודה מעוני" — על שאכלו חמץ בפסח, רבי אליעזר אומר על שגזלו מתנות עניים.
וואָס איז דאָ דער צוזאַמענהאַנג?
נור עס קען זיין, אַז די דערמאָהנטע צוויי מנהגים זענען צוליב איין און דעם זעלבען טעם. מען האָט געבאַקען אַ חלה פונם פסח'דיגען מעהל, כדי דערין תולה צו זיין דעם משהו חמץ און אָט די דאָזיגע חלה האָט מען עס אָוועקגעגעבען אָרימעלייט.
קומט דאָך אויס, אַז דורכ'ן מבטל זיין דעם דאָזיגען מנהג, איז אי מען

גזל'ט צו די מתנה פון די אָרימעלייט און אי מען ווערט נכשל אין חמץ בפסח, ווייל ס'איז נישטאָ אין וואָס תו-לה צו זיין דעם משהו חמץ... (לב הארי')

הפטרה שבת הגדול (מלאכי ג')

כי אני ד' לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם. (ג-ו).

די חז"ל זאָגען, אַז ווען מען זאָגט צוויי מאָהל „לא" איז עס אַ שבועה (שבועות ל"ח).

היינט אַז השי"ת האָט געזאָגט: "וחסדי מאתך לא ימוש וברית שלומי לא תמוט" (ישעיה נ"ד יו"ד) — הייסט עס אַז השי"ת האָט געשוואוירען, דאָס יודען זאָלען נישט אונטערגעהן.

דאָס זאָגט השי"ת: אני ד' „לא" שניתי — איך האָב דעם „לא" געדאָפּעלט און געזאָגט צוויי מאָהל (שניתי — הייסט צוויי מאָהל גע-זאָגט, ווידערהאָלט) כדי עס זאָל זיין אַ שבועה, דעריבער — ואתם בני יעקב לא כליתם — קענט איהר יודען נישט פערלענדעט ווערען...

(צוארי שלל)

דער זהר הקדוש זאָגט, אַז דערי-בער שטעהט אַ „פסיק" (אַ צייכען ווי אַ לאַנגער שטריך) נאָך יעדען „לא" פון די עשרת הדברות, מרמז צו זיין אַז אין יעדען איסור איז פערהאַן אַ-מאָהל אַן אויסנאַהם פון היתר. למשל פון איסור שבת — פקוח נפש; פון לא תרצח — הריגת בי"ד; פון לא תגנוב — צו זיין אַ גונב דערת ביים רבי'ן כדי פון איהם מעהר צו לערנען א. ד. ג.

זאָגט דעריבער השי"ת: אני ד' „לא" שניתי — איך האָב דעם „לא" געענדערט, איך האָב געמאַכט אַ שינוי, אַ צייכען ביי דעם „לא", אייך אָנ-צוזייטען פערשידענע אויסנאַהם-היתרים ביי יעדען איסור. לבסוף גאָר — ואתם בני יעקב „לא" כליתם — איהר יודען האָט דעם „לא" אינגאַנצען פערניכטעט, איהר האָט אייך אַלעס מתיר געווען און אויסגעמעקט דעם „לא"...

(שמעתי)

הביאו את כל המעשר בית האוצר...
ובחנוני נא בזאת אמר ד׳ צבאות.
(ג׳—י״ד),

פארוואָס האָט השי״ת געהייסען איהם פּרובען דווקא מיט דער מצוה פון מעשר ? נור דער שטייגער איז, אַז ווען אַ סוחר קומט אַריין אין אַ גרויס געשעפט קויפען ראַלען סחורה, וואָס אויף יעדען ראַל איז אויפגעשריבען אַז עס האַלט אַזוי פיל מעטער סחורה און ער וויל מאַכען אַ פרוב צי עס איז אמת, קלויבט ער אויס דאָס שטיק סחורה וואָס זעהט אויס צו זיין גאָר קליין און דאָס מעסט ער איבער, ווען ער זעהט, אַז דער ראַל סחורה האָט די אָנגעגעבענע מאָס, גלויבט ער שוין, אַז אויך די אַנדערע שטיקער האָבען אַ גוטע מאָס.

באמת האָט השי״ת דאָך צוגעזאָגט אַ שכר פאַר אַלע מצוות, אַז זיי וועלען ברענגען ברכה — והיה אם שמוע תשמעו אל מצותי... ונתתי מטר ארצכם בעתו... ואכלת ושבעת — נור אויב בײַ אַנדערע מצוות, קען מען דערין גיכער גלויבען, ווייל מען האָט דערוייל נישט קיין שאָדען, איז עס אָבער שווערער צו גלויבען בײַ די מצוה פון מעשר, וואָס מען מוז גאָר דערווייל אָוועקגעבען פון דער תבואה און עס ווערט ווייניגער דאָס פערמעגען.

זאָגט דעריבער השי״ת: קלויבט אויס אָט טאַקי די דאָזיגע מצוה פון מעשר און מאַכט בײַ איהר די פּראָבע, וועט איהר זעהען, אַז אַפילו פאַר דער מצוה, וואָס אייך דוכט זיך אַז איהר האָט גאָר שאָדען פון איהר — וועט דער שכר זיין אַ ברכה, וועט איהר פון דעם פערשטעהן, אַז מכל־שכן פאַר אַנדערע מצוות וועט איהר געוויס בעקומען אַ ברכה...

(המגיד מדובנא ז״ל)

אם לא אפתח לכם את ארבות השמים והריקותי
לכם ברכה עד בלי די׳ (ג׳ י״ד)

די חז״ל זאָגען, אַז אויב די יודען זענען געווען שלעכט אין ראש־השנה, ווען מען בעשטימט די פרנסה אויף אַגאַנץ יאָהר, און מען האָט אין הימעל צוגע׳פסק׳נט ווייניג רעגען, שפּעטער אַז די יודען האָבען תשובה געטהון, מאַכט השי״ת אַז דאָס קליינע ביסעל רעגען זאָל זיין גשמי־ברכה, און זאָל ברענגען אַזוי פיל פירות ווי אַסאַך רעגען.

דאָס זאָגט דער פסוק — אם לא אפתח לכם ארבות השמים — זייט פון יעצט אָן גוט און פרובט מיך אויס, וועט איהר זעהען, אַז אַפילו ווען איך וועל נישט עפענען די פענסטער פון הימעל און ס׳וועט נישט זיין פיל רעגען,

ווייל ס'איז שוין אַזוי נגזר געוואָרען אין ראש-השנה, דאָך – והריקותי לכם ברכה עד בלי די – וועט דאָס קליינע ביסעל רעגען אויך געבען גענוג ברכה...

(ילקוט האורים בשם נחלת יעקב)

מאי עד בלי די — עד שיבלו שפתותיכם מלומר די (תענית כ"ב)

איז דאָך אין פלוג שווער, דאָס וואָרט „די" קומט דאָך גאָרנישט פון די ליפען, פאַרוואָס דען שטעהט: עד שיבלו שפתותיכם?

נור דער פשט איז אַזוי: פונקט ווי די ליפען וועלען נישט מיעד ווערען צו זאָגען „די", ווייל זיי זאָגען דאָך גאָר נישט דאָס וואָרט, אַזוי וועל איך נישט מיעד ווערען אייך צו געבען פיל ברכה, ווייל ס'איז נישט ביי השי"ת קיין אַרבייט, אַז ער זאָל מיעד ווערען דערפון.

(בשם ספר אחד)

עס קען נאָך זיין די כוונה פון פסוק, וואָרום יעדע זאַך וואָס מען בענוצט איהר נישט, ווערט קאַליע און פערדאָרבען. דאָס הייסט: „עד שיבלו שפתותיכם מלומר די" – פון זאָגען כסדר „די" צו וועלכען עס ווערען נישט בענוצט די ליפען, וועלען די ליפען קאַליע ווערען...

(שמעתי)

ואשרו אתכם כל הגוים כי תהיו אתם ארץ חפץ אמר ד' צבאות (ג' י"ב)

דער העכסטער ציעל וואָס אַ מענטש קען דערגרייכען איז, אַז ער אַליין זאָל ווערען אַנ'אָרט פאַר השראת השכינה – אהל שכן באדם – ער אַליין זאָל ווערען אַ משכן פאַר השי"ת.

גיט דעריבער השי"ת די הבטחה, אַז לעתיד, וועלען יודען טאַקי צוקומען צו דער מדרגה אַז — ואשרו אתכם כל הגוים – אַלע פעלקער וועלען עס מוזען אַנערקענען און בעשטעטיגען – כי תהיו אתם ארץ חפץ – אַז איהר אַליין וועט עס זיין דאָס לאַנד און דאָס אָרט וואָס השי"ת וועט וועלען דאָרט צו מאַכען רוהען זיין שכינה.

פונקט ווי — בחר ד׳ בציון אוה למושב לו — אַזוי וועט איהר אויך זיין אַליין אַ משכן. ווי די תורה זאָגט: ונתתי משכני בתוככם... (ויקרא כ״ו—י״א).

(בינה לעתים)

אז נדברו יראי ד׳ איש אל רעהו ויקשב ד׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ד׳ ולחשבי שמו. (ג׳—ט״ז)

מאי ולחושבי שמו, אפילו חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (ברכות ו׳)

פאַרוואָס טטעהט עפעס „נדברו״ — לשון נפעל — נישט „דברו״?

נור אַז עס קומען זיך צוזאַמען די יראי ד׳ שמועסען זיך אַדורך און בעראַטען זיך וועגען ענינים פון חזוק התורה והיהדות, כאָטש עס קומט נאָך נישט באַלד אַרויס דערפון קיין ממשות׳דיגעס, דאָך איז שוין — ויקשב ד׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו — דער פראַטאָקאָל פון די דאָזיגע אספות און שמועסען ווערט פערשריבען אין הימעל און די מחשבות זייערע, וואָס זיי טראַכטען ווי אַזוי יודען זאָלען טהוען מצוות, כאָטש זיי קענען נישט אויספיהרען דאָס וואָס זיי ווילען, איז — מעלה הכתוב כאילו עשאה...

(בעל חפץ חיים זלה״ה)

ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע בין עובד אלהים לאשר לא עבדו. (ג׳ י״ח)

מאי בין עובד ד׳ לאשר לא עבדו? אלא אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים לשונה פרקו מאה פעמים ואחד (חגיגה ט׳)

קום און זעה ווי גרויס ס׳איז דער למוד התורה. אַז צוליב לערנען איינמאָהל ווייניגער, קען מען שון דאַדורך הייסען „אשר לא עבדו״... כאָטש מען האָט געלערנט הונדערט מאָהל, נור מען פוילט זיך צו לערנען נאָך אַמאָהל ווערט מען אויס עובד ד׳...

(אחד מגדולי המוסר)

* * *

דער בעש"ט הק' ז"ל האָט געטייטשט: ס'איז נישט גלייך דער וואָס לערנט הונדערט מאָהל סתם צו דעם וואָס לערנט הונדערט מאָהל מיטן „אחד" — זייענדיג דבוק אין ד' אחד... (דערמיט איז מדוייק וואָס עס שטעהט „אחד" נישט „אחת" — כאָטש „פעמים" איז לשון נקבה...)

ממילא פערשטעהט מען פאַרוואָס יענער הייסט „אשר לא עבדו" — אויב מען לערנט אָהן „אחד" נישט לשם שמים, מעג מען האָבען געלערנט הונדערט מאָהל איז מען טאַקי נישט קיין עובד ד'...

* * *

אין די ספרי-החסידות ווערט שטענדיג געברענגט דער מאמר פון תקוני זהר: „כל אורייתא בלא דחילו ורחימו לא פרחא לעילא" — אַז תורה וואָס ווערט געלערנט אָהן יראה און אהבה געהט נישט אַרויף אין הימעל.

האָט איינער פון די פערצייטישע גדולי המתנגדים געפרעגט אַמאָהל ביי אַ חסידישען רבי'ן, אויפ'ן מקור פונ'ם דאָזיגען מאמר, וואָס איז, לדעתו, נישט אינגאַנצען אויסגעהאַלטען לויט דער מיינונג פון חז"ל אין תורת הנגלה.

דערויף האָט איהם דער חסידישער רבי אָגגעוויזען אַ בפירוש'ע גמרא: רבא רמי, כתיב „כי גדול עד שמים חסדך" (תהלים כ"ז) וכתיב „כי גדול מעל שמים חסדך" (תהלים ק"ח) הא כיצד — כאן בעושין לשמה, כאן בעושין שלא לשמה (פסחים נ"א) — איז דאָך מפורש אין דער גמרא, אַז די וואָס טהוען שלא-לשמה, דערגרייכט נור זייער טהוען „עד שמים" אָבער געהט נישט העכער אין הימעל אַריין...

הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ד' הגדול והנורא [ג' כ"ג]

פאַרוואָס שטעהט אויך נישט „הגבור" נור בלויז „הגדול והנורא"?

נור די חז"ל זאָגען, אַז דעריבער ווערט השי"ת, אויך אין גלות, בעטיטעלט מיט „הגבור" — כאָטש עכו"ם משתעבדים בבניו — ווייל זוהי גבורתו שכובש את כעסו — אין דעם אַליין בעשטעהט זיין גבורה, וואָס ער זעהט צו, ווי די שונאים פייניגען זיינע קינדער און ער שוויגט, ער איז זיך מתגבר און איז עס סובל (יומא ס"ט).

דעמאָלט אָבער, ווען ס'וועט קומען דער גרויסער טאָג, וועט השי"ת שוין מעהר נישט שווייגען, ער וועט

שוין מעהר נישט צוריקהאַלטען זיין כּעס, נור וועט זיך אָברעכענען פאַר'ן פערגאָסענעם יודישען בלוט און פאַר'ן יודישען צער — דעריבער שטעהט נישט „הגבור"...

(חתם סופר)

ווייל די הפטרה ענדיגט זיך מיט די ווערטער „יום ד' הגדול", דעריבער הייסט דער שבת: „שבת הגדול".

(מטה משה)

* * *

די כוונה דערפון איז, ווארום די תורה זאָגט: „ליל שמורים הוא" — אַז די דאָזיגע נאַכט איז אָבגעהיטען אויף לעתיד, אויף דער צוקונפטיגער גאולה. קומט דאָך אויס, אַז אין יעדער פּסח-נאַכט איז פערהאַן בכח די גאולה העתידה, וואָס וועט אַמאָהל ארויסקומען מכח אל הפועל. דעריבער זאָגט אויך דער פסוק: „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז' ט"ו) די נפ-לאות פון לעתיד זענען אָבהענגיג אין יציאת-מצרים.

יעדער שבת האָט אויך אין זיך בכח, דאָס וואָס עס געשעהט און ווערט פערווירקליכט אין דער נאָהנטער וואָך. קומט דאָך אויס, אַז אין יעדען שבת פאַר פּסח, איז שוין פערהאַן דער כח פון גאולת-מצרים און ממילא ווערט שוין אין איהם נתעורר דער כח פון די גאולה העתידה — פונם „בוא יום ד' הגדול"...

(מהר"ל)

והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם.

[ג' כ"ד]

עס האָט דאָך געדאַרפען שטעהן: „לב אבות על בניהם", פונקט ווי ס'שטעהט „לב בנים על אבותם"?

אין דער יעצטיגער צייט טרעפט זיך, אַז קינדער ווילען נישט עהרען און שעצען זייערע עלטער'ן. זיי האָ-בען נאָך דערצו אַנ'אויסגעלאַסענע טענה, אַז די עלטער'ן האָבען קינדער צוליב דער מענשליכער נאַטור, פאַר זייער אייגענעם נוצען, נישט צוליב ליבשאַפט צו קינדער.

דאָס איז אַ שטראָף דערפאַר וואָס די עלטערען זאָרגען נור פאַר זייערע אייגענע קינדער, זיי אָפּפער'ן פאַר די קינדער זייער לעבען, פערמעגען און כבוד, אָבער פאַר פרעמדע אָרימע

קינדער זאָרגען זיי נישט. מען מאַכט לוקסוס-מלבושים פאַר די אייגענע טעכ-טער און פרעמדע אָרימע קינדער לאָזט מען געהן נאַקעט; דעם זוהנ׳ס סטודיום קאָסט אָב טויזענדער, און אַ פאַר גילדען שכר למוד פאַרן אָרימען קינד פון דער תלמוד תורה וויל מען נישט געבען — דעריבער קומט דער עונש, אַז די אייגענע קינדער פערלייקענען די ליבשאַפט פון די עלטערן און זאָ-גען אַז זיי מיינען נור זיך.

אַז אליהו הנביא וועט קומען, וועט ער צוריקברענגען דאָס האַרץ פון די קינדער צו זייערע עלטערן, דער-מיט וואָס ער וועט אַריינברענגען דעם בעוואוסטזיין אין די יודישע עלטערן אַז זייער האַרץ זאָל זיך צוריק קעה-רען אויך צו „בנים״ — צו פרעמדע אָרימע קינדער, ממילא ווען זיי וועלען זאָרגען אויך פאַר אַנדערע קינ-דער, וועלען זייערע אייגענע קינדער צוריק זיי ליב בעקומען און שעצען...

(מעשה אלפס)

אַז די עלטערן זאָרגען וועגען חינוך פון זייערע קינדער, זיי לאָזען נישט די קינדער אויף הפקר, נור אינטערעסירען זיך צו געבען זיי אַ גוטע ערציהונג, בלייבען די קינדער ממילא צוגעבונדען צו זייערע עלטערן און ווערען פון זיי נישט פערפרעמדעט. די טראַגעדיע פון די היינטיגע דערוויטערטע און פער-פרעמדעטע קינדער נעמט זיך דערפון וואָס די עלטערן אינטערעסירען זיך נישט מיט זייער ערציהונג.

אליהו הנביא וועט קודם כל זיין — והשיב לב אבות על בנים — ער וועט צוריק ברענגען דאָס האַרץ פון די עלטערן אַז זיי זאָלען זיך פעראינט-רעסירען מיט זייערע קינדער און זאָר-גען פאַר זייער ערציהונג, וועט ממילא זיין — ולב בנים על אבותם — וועט דאָס האַרץ פון די קינדער צוריק זיין געווענדעט צו זייערע עלטערן און זיי וועלען נישט פערפרעמדעט ווערען...

(אחד מחכמי המוסר)

הכנות לפסח

די גרויסע חומרות, וואָס ווערען ביי יודען אנגעווענדעט ביים רייניגען די שטובען און די כלים אויף פסח האָבען אַ גרויסע בעדייטונג. זיי דערוועקען גרויסע זכותים אויף יודען און זענען מבטל אַלע שלעכטע מחשבות פון די שונאים.

דער קדושת לוי ז״ל פון בערדיטשעוו, ווען ער האָט געזעהען ווי פרויען ריי-בען און קראַצען דאָס געהילץ צום

כשר'ן, האָט ער געזאָגט: יהי רצון שיהי׳ אלה המלאכים היוצאים מן קשר״ק — קראַצען, שאַרען, רייבען קאָשערן — יעלו לפני כסא כבודך וימ- ליצו טוב בעדינו...

(דער יהי רצון ווערט געזאָגט ביי תקיעת-שופר און דאָרט איז „קשרק״ געמיינט „תקיעה שברים תרועה תקיעה״ — דער קדושת לוי ז״ל האָט די דאָזיגע תפלה אנגעוואָנדען אויף די פסח'דיגע הכנות, בעטאָנענדיג, אַז אויך אָט פון די הכנות ווערן בעשאַ- פען מלאכים, וואָס זענען ממליץ גוטעס אויף יודען...)

אַזוי ווי מען רוימט, מען שייערט און מען כשר'ט אויף פסח די שטו- בען און די כלים, דאַרף מען דאָס זעלבע טהוען אויך אינעווייניג ביי זיך זעלבסט, צו רייניגען אויף פסח און אויסרוימען דאָס אָנגעוואַקסענע ברודיגקייט, אַזוי ווי עס שטעהט: „משכו ידיכם מעבודה זרה וקחו לכם צאן למצוה״ מען דאַרף זיך אויסרייני- גען פון אַלערליי עבודה-זרה'ס און וואָס עס האָט צו זיי אַ שייכות...

(בשם החידושי הרי״ם ז״ל)

* * *

די אַלטע קאָצקער חסידים פלעגען זאָגען: פאַרוואָס זאָגט די וועלט אויף איינעם וואָס איז שטאַרק בשמחה, אַז ער איז „אויפגערוימט״?

ווייל פונקט אַזוי ווען מען רייניגט אויס די וואוינונג, מען קעהרט אויס דאָס מיסט און מען שטעלט אַלץ גלייך יעדעס אויף זיין אָרט, הייסט עס, אַז די שטוב איז „אויפגערוימט״ — אַזוי קען די אמת'ע שמחה נור זיין, ווען דער מענש האָט זיך פריהער גוט אויסגערייניגט, אַרויסגעוואָרפען פון זיך דאָס אומריינקייט און זיך גלייכגע- שטעלט...

דעריבער איז דאָס „אויפרוימען״ אַ הכנה צו שמחת יום טוב...

* * *

דער יום-טוב פסח איז אַרומגענו- מען מיט פיל גדרים און סייגים, פונקט ווי אין מצרים האָבען יודען אָפּגעהיטען די גדרים און סייגים (שלא שנו שמם, שלא שנו לשונם, שהיו גדורין מן העריות) כאָטש די גופי תורה האָבען זיי נישט געהיטען (הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, הפרו ברית מילה). און אינ'ם זכות פון אָט די סייגים און גדרים זענען זיי געוואָרען אויסגעלייזט.

דער קיום פון יודען אין גלות, אַז זיי זאָלען נישט אַסימילירט ווערען צווישען די אַרומיגע פעלקער, איז נור

אַ דאַנק די גדרים און סייגים וואָס פערשטאַרקען זייער אָבגעזונדערטקייט און אייגענאַרטיגקייט. מען זעהט דאָך, אַז אין גלות בבל, כאָטש די יודען האָבען געהאַלטען די גופי-תורה, נור זיי האָבען נישט געהאַלטען די גדרים, זיי האָבען געענדערט די שפּראַך — „היו בניהם מדברים אשדודית" און געענדערט די נעמען, זענען זיי צוגע-קומען צו אַ געוואַלדיגער אַסימילאַציע, גענומען נשים-נכריות און זיך איינגעאַ-צען אויסגעמישט מיט די גויי-הארצות.

דאָס איז דער כּח פון די יודישע סייגים און גדרים וואָס דערהאַלטען דאָס יודישע פאָלק און ברענגען איהם די גאולה. (משך חכמה)

ס'איז אַ יודישער מנהג אָנצוגריי-טען באָרשט אויף פּסח.

דער יסוד פון דאָזיגען מנהג, איז צו דעמאָנסטרירען געגען די קראים (קאַראַאימער), וועלכע לייקענען אין תורה-שבעל-פה און טייטשען דעם פסוק „כל מחמצת לא תאכלו" — אַז קיין שום זויערס זאָל מען נישט עסען און זיי פיהרען זיך טאַקי, אַז זיי עסען נישט קיין שום זויער מאכל אין פּסח, אפילו ס'האָט נישט קיין שום שייכות צו חמץ. טהוען יודען דווקא פערקעהרט, מען שטעלט אָן דעם באָרשט אייניגע וואָכען פאר פּסח, כּדי איהם צו טרינקען פּסח, ווען ער וועט שוין זיין גוט זויער. ומנהג ישראל תורה היא... (הגדה ילקוט שמעוני)

ס'איז אַ מנהג ביי יודען צוזאַמען צו נעמען געלד פאַר פּסח — מעות חטים — און זיי צוטיילן אָרימע לייט, כּדי זיי זאָלען האָבען די מעגליכקייט אָנצוגרייטען אויף יום-טוב. (רמ"א סי' תכ"ט).

א רמז צום דאָזיגען מנהג, צו געבען צדקה פאַר פּסח, איז פערהאַן פון דעם וואָס דער יום טוב פּסח הייסט אין דער תורה „חג המצת" — די ראשי-תיבות פון וואָרט „מצת" זענען: צ'דקה ת'ציל מ'מות...

דאָס אות „צ" וואָס ווייזט אויף „צדקה" שטעהט אין מיטען צווישען די אותיות „מת" — ווייל די צדקה איז מבטל די גזירה פון מיתה... (ספר שמעון ולוי)

מים שלנו

די חז"ל דערצעהלען: רב מתנה האָט גע'דרשנ'ט אין דער שטאָדט פפוניא, אַ פרוי זאָל נישט קנעטען די מצה נור מיט „מים שלנו" (וואַסער

וואָס האָבּען איבּערגענכטיגט, מען האָט זיי אָנגעשעפּט פונ׳ם טייך פאַרנאַכט און געלאָזט איבּערנעכטיגען אין אַ כלי ביז צומאָרגענס), האָבּען אַלע מענשען פונ׳ם שטעדטיל געּ בּרענגט צו איהם זייערע כּלים און געּ זאָגט: גיב אונז וואַסער! גיב אונז וואַסער! (זיי האָבּען געמיינט, אַז „מים שלנו" הייסט: אונזער וואַסער) האָט ער זיי ערשט אויפגעקלערט, אַז ער האָט געמיינט, וואַסער וואָס האָבּען איבּערגענעכטיגט אַ נאַכט אין דער כלי. (פסחים מ״ב).

צוליב וואָס דערצעהלען דאָס אונז די חז״ל? וואָס לערנען מיר דען פון דעם עם־הארצות פון די מענשען פון פפוניא?

נור די חז״ל ווילען אונז דערמיט ווייזען ווי גרויס עס איז דעמאָלט געּ וועזען די אמונת־חכמים אפילו ביי די פּ־אָסטע אונוויסענדע המון־יודען. ווען עס וואָלט הייבּט למשל אַ רב געּ לאָזט אויסרופען, אַז מען קען נישט נוצען צו מצות, נור זיין מעהל אָדער זיין וואסער, וואָלטען זיך וועלטען איבּער־ געקעהרט, אַלע וואָלטען געשריגען און געליאַרעמט, מיט וואָס איז עס דאָס מעהל אָדער דאָס וואַסער פונ׳ם רב הייליגער און אנדערש פון אַנדער מעהל אָדער וואַסער און מען וואָלט דעם רב חושד געוועזען אין אַלערליי חשדים און נגיעות. די בּני־פפוניא אָבער, ווען זיי האָבּען געמיינט, אַז זייער רב, רב מתנה, הייסט נור נוצען זיין אייגען וואסער, האָבּען זיי גאָרנישט געפרעגט קיין שאלות נור מיט גרויס תמימות און אמונה געּ בּרענגט זייערע כלים צום רב, אַז ער זאָל זיי געבּען זיין וואַסער — אָט אַזוי גרויס איז געוועזען די אמונת־ חכמים ביי די פשוטע יודען פון פפוניא...

אַלס מוסטער פון אמונת־חכמים, בּרענגען די חז״ל דעם דאָזיגען מערק־ ווירדיגען עפּיזאָד...

(הגה״ק בעל אבני נזר ז״ל מסוכטשוב)

דאָס וואַסער צו די מצות, וואָס מען באַקט ערב פסח, שעפט מען אָן וואָך אינ׳ם דרייצעהנטען טאָג, כדי מען זאָל, מיט׳ן נעמען דאָס וואַסער צו מצות־מצוה, מעורר זיין די שלש־ עשרה מדות פון חסד און רחמים. (דרייצעהן בּעטרעפט אויך „אהבה", מעורר צו זיין אין הימעל אהבה צו יודען).

דעריבּער האָבּען די בּני פפוניא געמיינט, אַז מען דאַרף נעמען דאָס וואַסער פון זייער מנהיג, ווייל אַ מנהיג־ישראל איז דאָך אויך שטענדיג ממשיך חסדים אויף יודען, ממילא וועט זיין וואַסער טהוען די זעלבּע פּעולה, וואָרום „המים כרגלי הבעלים"...

(לויט׳ן שם משמואל)

בדיקת חמץ

באַלד נאָכ'ן נעמען דאָס וואַסער צו די מצות-מצוה, זאָל מען צוטרעטען צו דער מצוה פון בדיקת-חמץ (של"ה).

גלייך צוצוגעהן צו בדיקת-חמץ — וואָס איז געמיינט בודק צו זיין אַלעס שלעכטע פון זיך אַליין און אויסרוימען דעם שאור שבעיסה — איז זעהר אַ שווערע עבודה, נור אַז מען האָט שוין אָנגעהויבען עוסק צו זיין אין דער מצוה פון מצה, העלפט דאָס צו אַז מען זאָל קענען צוגעהן צו בדיקת-חמץ.

דער „עשה-טוב", וואָס איז לייכטער פאַר'ן מענש, ברענגט צום „סור-מרע", וואָס איז פיל שווערער.

(שמעתי)

* * *

פערצייטישע חסידים פלעגען זאָגען, אַז דאָס געהן צום וואַסער נאָך „מים שלנו" איז שוין אַ הכנה צו בדיקת-חמץ – ותשליך במצולות ים כל חטאתם...

ס'איז אַ מנהג אַוועקצולייגען צעהן שטיקלעך חמץ אויף צעהן ערטער (מען לייגט פריהער אַוועק שטיקלעך חמץ כּדי עס זאָל נישט זיין קיין ברכה לבטלה ווען מען וועט גאָרנישט געפונען), כּדי דערמיט מבער צו זיין דעם כּח הטומאה וואָס דערלאָזט נישט צו דער התגלות השכינה אין ארץ ישראל, וועלכעס איז געהייליגט מיט צעהן קדושות (כלים פ"א משנה ו').

דעריבער ברענגען די חז"ל אַלס סמך צו דעם וואָס מען איז בודק חמץ מיט אַ ליכטל דעם פסוק: „בעת ההיא אחפש את ירושלים בנרות" (צפניה א'—י"ב), וואָס מיינט די התגלות השכינה, וואָס וועט זיין לעתיד אין ירושלים.

דאָס זוכען מיט'ן ליכטל דאָס חמץ, מאַכט אַ וועג פאַר דער התגלות פון די צעהן קדושות פון ארץ ישראל...

(קהלת יעקב)

כּל חמירא וחמיעא דאיכּא ברשותי.

אַלעס חמץ און זויערס וואָס איז ברשותי – צוליב מיר, איך האָב אַ פערהאַן אויף דער וועלט, איז – חלק דעריין. וואָרום די חז"ל זאָגען:

„עשה מצוה אחת הכריע את כל העולם לכף זכות, עשה עבירה אחת הכריע את כל העולם לכף חוב" — קומט דאָך אויס, אַז איך בין שולדיג דערין וואָס עס איז נאָך פערהאַן שלעכטס אויף דער וועלט, איך קען דאָך מיט מיינע מעשים מכריע זיין די גאַנצע וועלט לכף זכות, וואָלט דאָך קיין חמץ שוין מעהר נישט געוועזען...

(הה"ק רר"ב ז"ל ממעזיבוז)

דחזיתיה ודלא חזיתיה ליבטל ולהוי הפקר כעפרא דארעא.

דער בעש"ט ז"ל האָט געזאָגט, אַז אויב עס מאכט זיך אַמאָהל א מענטש אַ געלעגענהייט צו זעהען אַ חסרון ביי א צווייטען, זאל ער וויסען אַז דאָס האָט מען איהם מזמין געוועזען פון הימעל ער זאל עס זעהען. ווייל דער דאָזיגער חסרון געפינט זיך אויך ביי איהם, וויל מען איהם דאדורך מעורר זיין צו תשובה, ווען ער וועט זיך דער־זעהען אינ'ם שפּיגעל פון יענעמס חסרון... קומט דאָך אויס אַז עס איז אין אַ געוויסער מאָס א זכות ווען מען זעהט אַ חסרון ביי אַ צווייטען, כּדי מען זאָל וויסען אויף וואָס תשובה צו טהוען. ערגער איז דאָך אַז מען זעהט גאר נישט קיין חסרון און מען ווייסט נישט ממילא מיט וואס זיך אויסצובעסערען.

דאָס בעט מען ביי בדיקת חמץ, אַז סיי — דחזיתיה — די עבירות וואָס איך האָב זיי דערזעהען און ווייס שוין פון זיי און סיי — דלא חזיתיה — וואָס איך האָב זיי נאָך נישט דערזעהען און ווייס נישט פון זיי — די אַלע זאָ־לען בטל ווערען ווי שטויב.

(כנסת מרדכי בשם הה"ק מסאדיגורה שליט"א בפשעמישל)

והשאר מבטלו בלבו (משנה פסחים)

הה"ק רבי אהרן קאַרלינער זצלה"ה פלעגט טייטשען: והשאר מבטלו — די רעשט חמץ וואָס מען קען נישט דער־טאַפּען, קען מען מבטל זיין — בלבו — מיט אַ שטיקעל האַרץ...

והכיסים צריכים בדיקה [רמ"א סימן תל"ג]

מען דאַרף שטאַרק בודק זיין די בייטעלעך, צי עס געפונט זיך נישט אין זיי קיין געלד פון גניבה, גזילה און שווינדעל. אויב בדיקת חמץ איז בעיקר די כוונה, מבער צו זיין דאָס שלעכטע פון זיך און אויסרוימען די עבירות, דאַרף מען ממילא גאַר שטאַרק אַכטונג געבען אויף די עבירות שבין אדם לחבירו און זיך אויסרייניגען פון פרעמד געלד וואָס געפונט זיך אפשר אין בייטעלע... ווייל אָהן דעם פועל'ט נישט קיין שום תשובה. (של"ה הקדוש)

יבדוק בחורין ובסדקין.

מען דאַרף נאָכזוכען נאָכ'ן חמץ וואָס געפונט זיך בעהאַלטען טיעף אין מענטש, אין אַלע לעכער און ווינקע-לעך פון הארץ. טיילמאָל דוכט זיך אַז מען האָט נישט אין זיך קיין חמץ, מוז מען אָבער אַריינגראָבען טיעף אין די געהיימע האַרץ-קעמערלעך — וועט מען שוין געפונען... (אלשיך)

הנזהר ממשהו חמץ בפסח מובטח לו שלא יחטא כל השנה [האר"י ז"ל]

באמת, איז דער וואָס וויל נישט זינדיגען, היט מען פון הימעל, אַז ער זאָל נישט קומען צו קיין חטא — אפילו בהמתן של צדיקים אין קב"ה מביא תקלה על ידן, צדיקים עצמן לא כל שכן.

נור דער כלל איז — לויט תוספות — נור ביי עבירות פון עניני אכילה, מען היט דעם צדיק, אַז עס זאָל נישט אַריינקומען אין זיין גוף אַרייז קיין מאַכל איסור, אָבער ביי אַנדערע עבי-רות איז עס נישט קיין כלל.

איז די עצה, זיך אָבצוהיטען פון אַ משהו חמץ אין פסח, דאָס קומט דאָך שוין לייכטער אָן, ווייל ביי אכילת איסור העלפט מען דאָך צו פון הימעל אַז ס'זאָל נישט קומען קיין תקלה על ידו, ממילא ווערט ער שוין אָבגעהי-טען אַ גאַנץ יאָהר, אפילו פון אַנדע-רע עבירות... (קהלת משה)

* * *

עס ווערט אָבגעהיטען מן השמים, פון אַ משהו חמץ אין פסח — דער וואָס מען איז אין איהם בטוח, אַז ער וועט אַ גאַנץ יאָהר נישט זינדיגען...

(בשם הה״ק אדמו״ר מקאצק זלה״ה)

* * *

דער זהר הקדוש (פרשת תצוה) זאגט, אַז דאָס עסען מצה אין די זי־בען טאָג פסח איז אַ רפואה פאַר'ן נפש, אַזוי אַז דאָס חמץ פון אַ גאַנץ יאָהר קען עס שוין מעהר נישט קיין שלעכטס טהוען.

דער רמב״ם פסק'נט (ה' שבועות פ״ה ה״כ), אַז דער וואָס שווערט נישט צו עסען זיבען טעג, איז עובר אויפ'ן איסור פון שבועות שוא, וואָרום עס איז אונמעגליך, אַז אַ מענטש זאָל לעבען זיבען טעג אָהן עסען.

קומט דאָך אויס, אַז ווען ער איז נזהר אין די זיבען טעג פסח פון אַ משהו חמץ, האָט דאָך דער גוף אין משך פון זיבען טעג נישט געהאַט קיין שום חיות פון חמץ, נור פון מצה, איז דאַן טאַקי אַ רפואה אויפ'ן גאַנצען יאָהר אַרויס, אַז דאָס חמץ זאָל נישט קענען אין איהם שולט זיין און ער זאָל ניצול ווערען פונ'ם יצר־הרע...

(בשם הגה״ק כעל אבני נזר מסוכטשוב ז״ל)

דער עיקר ביעור חמץ איז, מבער צו זיין די עבורה זרה פון דער וועלט, דעריבער שטעהט ביי יאשיהו המלך, וואָס האָט מבער געווען אַלע עבודה־זרה'ס פון יודען, „לא נעשה כפסח הזה מימי השופטים״ (מלכים ב' כ״ג. כ״ב), און דעריבער שטעהט אויך אין דער תורה: „אלהי מסכה לא תעשה לך, את חג המצות תשמור״... (שמות ל״ד י״ז י״ח).

ווען יודען וואָלטען מבער געווען דאָס חמץ מיט דער כוונה, אַז דאָס איז ביעור פון עבודה־זרה, — וואָלט געווען פיל לייכטער צו דערטראָגען דעם עול פון גלות...

(בני יששכר בשם הקדוש מהר״ר פנחס מקארעץ זצלה״ה)

דער בעטרעף פון די אותיות „חמץ״ זענען מיט דריי מעהר ווי דער בע־טרעף פון די אותיות „מצה״ (חמץ — 138 ; מצה — 135) — דאָס זענען די דריי זאַכען קנאה, תאוה און כבוד, וואָס זענען דער שורש פון אַלערליי עבירות. די דאָזיגע דריי זאַכען זענען „מוציאין את האדם מן העולם״ — פונקט

ווי עס איז פערהאַן כרת אויף חמץ זיי – פונקט ווי חמץ וואָס איז „לא און מען איז נישט אָבגעשיידט פון בדילי אינשי מיניה"... (חתם סופר)

תענית בכורים

הבכורים מתענים בערב פסח, ויש מי שאומר שאפילו נקיבה בכורה מתענה [שו"ע או"ח סי' ת"ע] ואין המנהג כן. [רמ"א שם]

פאַרוואָס זאָלען טאַקי קיין בכורות נקבות נישט דאַרפען פאַסטען, זיי זע־נען דאָך אויך ניצול געוואָרען בעת עס זענען אויסגעשטאָרבען פון די מצריים אַלע בכורים, סיי זכרים סיי נקבות?

נור דער טעם, פאַרוואָס די בכורים מוזען האָבען פדיון און מוזען פאַסטען איז ווייל יודען זענען באמת נישט ווערט געווען אויסגעלייזט צו ווערען פון מצרים און דער שר של מצרים האָט טאַקי געשריגען: „הללו עובדי עבודה־זרה והללו עובדי עבודה־זרה, מה נשתנו אלה מאלה?" (מדרש), נור השי"ת האָט אין זיין גרויס חסד, גע־טהוען לפנים משורת הדין און מיט כח – בחזק יד – מציל געווען די יודען. צוליב דעם מוזען די בכורים האָבען פדיון און תענית, ווייל זיי זע־נען ניצול געוואָרען נישט אין זייער זכות.

דאָס איז אָבער נור ביי די זכרים, וועגען די נקיבות אָבער זאָגען דאָך די חז"ל: „בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו" – האָבען זיי דאָך יאָ גע־האָט זייער אייגענעם זכות, ממילא דאַרפען זיי נישט האָבען קיין פדיון און זענען אויך נישט מחוייב צו פאַס־טען.

(מעשה רוקח)

* * *

לויט דעם קען מען זעהר גוט פער־שטעהן דעם המשך פון די פסוקים: „וכל בכור אדם בבניך תפדה. והיה כי יש־אלך בנך מחר לאמר מה זאת ואמרת אליו בחזק יד הוציאנו ד' ממצרים" (שמות י"ג י"ג–י"ד) – דיין זוהן וועט דיך פרעגען אויף דעם אַליין פאַרוואָס זאָל נור זיין „בכור בניך תפדה", ולא בנותיך – פאַרוואָס זענען די נקיבות פטור פון פדיון? וועסטו איהם דערויף ענטפערען: בחזק יד הוציאנו – אונ־זער יציאה האָט געמוזט זיין מיט כח

און לפנים משורת הדין, געגעבן די געדעכטע טענה פונ'ם שר של מצרים, ווייל מיר זענען בעצם נישט ווערט געוועזן צו דער גאולה. ממילא איז ריכטיג פאַרוואָס נקיבות דאַרפען נישט קיין פדיון, ווייל זיי זענען דאָך יאָ ווערט געוועזן אַלס צדקניות, האָט ביי זיי נישט געדאַרפען זיין „בחוזק יד"...

(הגדה ילקוט שמעוני)

מען איז זיך נוהג, אַז די בכורים וואָס דאַרפען פאַסטען זענען מסיים אַ מסכת און דאַדורך הייסט עס שוין אַ יום-טוב און זיי דאַרפען שוין נישט פאַסטען.

מען איז דערמיט מרמז, פונקט ווי ביי אַ סיום מסכת, הייסט דער וואָס לערנט מיט דאָס לעצטע שטיקעל גמרא פון דער מסכת מיט אַ זעלכען וואָס האָט איהר אינגאַנצען געלערנט — אַזוי גוט ווי ער וואָלט איהר אין גאַנצען געלערנט. אַזוי זענען אויך די יודען ווערט געוועזן, אַז זיי זאָלען ניצול ווערען פון מצרים. ווייל כאָטש אין אָנהויב זענען זיי געוועזן עובדי עבודה זרה אַזוי ווי די מצריים, אָבער ביים סוף האָבען זיי זיך דאָך „מיט-געכאַפּט" מיט משה און אהרן, גע-גלויבט אין זייער נבואה און געפאָלגט זייערע בעפעהלען — דער סיום איז ממילא געוועזן אַ גוטער, און אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט...

אויב אַזוי, דאַרף מען שוין דאָך נישט פאַסטען...

(אבני אזל)

* * *

פאַרוואָס טאַקי ביי אַ סיום, הייסט דער וואָס לערנט מיט דאָס לעצטע שטיקעל, אַזוי ווי ער וואָלט געלערנט די גאַנצע מסכת?

האָט דער ווילנער גאון ז"ל גע-זאָגט אַ רמז דערויף פון די אותיות „סיום" אַליין.

ביי די אותיות: סמ"ך, יו"ד, ו"ו, מ"ם — האָט זייער אָפענער טייל — ס', י', ו', מ' — דעם זעלבען בעטרעף ווי זייער בעהאַלטענער טייל — מך, וד, ו, מ (וואָס בילדען דעם „מילוי" פון די אותיות און ווערען נישט אַרויסגעשרי-בען). „ס" איז 60 און „מך" 60; „י" איז 10 און „וד" — 10; „ו" איז 6 און „ו" — 6; „מ" איז 40 און „ם" — 40.

דאָס איז אַלזאָ מרמז, אַז ביי אַ סיום איז סיי דער „נגלה" — דער וואָס האָט געלערנט און ווייסט די גאַנ-צע מסכת און סיי דער „נסתר" — דער וואָס האָט נישט געלערנט און די מסכת איז פון איהם פערבאָרגען — זענען ביי-דע גלייך, ס'איז פאַרביידע אַ גליי-כער יום-טוב.

ערב פסח

האוכל מצה בערב פסח כאילו בא על ארוסתו בבית חמיו [ירושלמי]

פונקט ווי די ארוסה איז ערשט מותר צום מאַן נאָך דעם ווי מען האָט געמאַכט זיבען ברכות ביי דער חופה, אַזוי מעג מען ערשט עסען די מצה נאָך די זיבען ברכות וואָס מען מאַכט ביים סדר: א) בורא פרי הגפן אויפ'ן ערשטען כוס, ב) קידוש, ג) אשר גאַלנו, ד) בורא פרי הגפן (אויפן צווייטען כוס), ה) על נטילת ידים, ו) המוציא, ז) על אכילת מצה. (שהחינו ווערט נישט גערעכענט, ווייל דער דין איז, אַז מען קען די „שהחיינו" מאַכען אפילו אין גאַס באַלד ווי ס'ווערט נור פינסטער, און דעם בורא פרי האדמה אויפ'ן כרפס ווערט אויך נישט גערעכענט ווייל דאָס עסט מען דאָך נור אַלס היכר פאַר די קליינע קינדער). (מט"מ בשם מהר"א)

ערבי פסחים סמוך למנחה לא יאכל אדם עד שתחשך (משנת פסחים פרק י')

כדי שיאכל מצה לתיאבון [רש"י]

האָט אַמאָל אַ גדול געזאָגט: דער דאָזיגער „לתיאבון" איז „להכעיס" — דעם יצר הרע...

* * *

דער חדושי הרי"ם ז"ל האָט אַמאָהל געגעסען אין איין טאָג אויף זיבען סעודות פון ברית־מילה. ביים זיבעטען מאָהל האָט ער געזאָגט: די מצוה מאַכט דעם תיאבון, אַ פרישע מצוה — אַ פרישער אַפעטיט, אַ פרישער חשק...

חג הפסח

פאַרוואָס רופען מיר יודען דעם יום־טוב: „פסח" בעת אין דער תורה ווערט ער אומעטום אָנגערופען: „חג המצות?

נור ווי ס'איז בעוואוסט, ריהמט זיך השי"ת שטענדיג מיט די מעלות פון יודען און יודען ווידער ריהמען זיך מיט די מעלות פון השי"ת. אַזוי ווי די חז"ל זאָגען? „תפילין דמארי עלמא מאי כתיב בהו ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ" (ברכות ו') און יודען זאָגען ווידער שטענדיג: שמע ישראל ד' אחד.

„פסח" דערמאָהנט דאָך דעם שבח פון השי"ת וואָס ער האָט מציל געווען די יודען (שפסח על בני ישראל ואת בתינו הציל), דאַגעגען „חג המצות" דערמאָהנט דעם שבח פון יודען, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך משה רבינו אין אַ מדבר אַריין און זיי האָבען זיך אַפילו נישט מיטגענומען קיין עסען — וגם צדה לא עשו להם.

דעריבער רופט השי"ת אין דער תורה אן דעם יום־טוב „חג־המצות", וואָס זאָגט די מעלה פון יודען און יודען רופען איהם „פסח", וואָס דערמאָהנט דעם רוהם פון השי"ת.

(קדושת לוי)

דער אר"י ז"ל זאָגט, אַז „פסח" בעדייטעט: „פה־סח" — דאָס מויל וואָס רעדט.

ווען יודען זענען געווען אין מצרים, איז דער דיבור געווען אין גלות, זיי האָבען נישט געקענט עפענען דאָס מויל, צו זאָגען ווי געהעריג אַ וואָרט פאַר השי"ת (דעריבער שטעהט נור: „ויאנחו", „ויזעקו" און ס'שטעהט נישט „ויתפללו" — זיי האָבען נישט געקענט תפלה טהוען...) און יעצט ווען ס'איז געקומען די גאולה, איז אויסגעלייזט געוואָרען דער דיבור, אַז דאָס יודישע מויל האָט געקענט אָנהויבען רעדען יודישע דיבורים, דאָס הייסט: „פה־סח".

דעריבער איז אַזאַ גרויסע מצוה אין פסח צו דערצעהלען מיט'ן מויל די שבחים פון השי"ת — לספר ביציאת מצרים — און דווקא וואָס מעהר — כל המרבה לספר הרי זה משובח. אויך די רעשט מצוות זענען מיט'ן מויל: צו עסען מצה און פסח צו טרינקען ארבע כוסות, ווייל דאָס מויל און דער דיבור זענען יעצט אויסגעלייזט געוואָרען.

(ספרים)

אין דער נאַטור וועלט זענען פער־האַן פיער טיילען: דומם, צומח, חי,

מדבר. דער מענטש אַלס „מדבר” איז דער העכסטער פון דער בריאה און קען דעריבער בעהערשען די אנדערע טיילען.

אָבער דער טיטעל „מדבר” בעקומט נאָר דער מענטש, אויב ער איז געחתמ׳ט מיט׳ן ברית־מילה, דער וואָס איז נישט גע׳מל׳עט טאָר דעריבער נישט עסען פון פסח, ווייל ער האָט נישט קיין רעכט צו בענוצען די בעלי־חיים צו זיין געברויך.

ווייל ביי יציאת־מצרים, האָבען זיך יודען גע׳מל׳עט (דם מילה) און האָבען בעקומען דעם טיטעל „מדבר — הייסט דעריבער דער יום־טוב פון יציאת־מצרים „פסח — פה־סח”, ווייל יעצט ערשט האָט זייער דיבור בעקומען די אמת׳ע מעלה... (הגדת ילקוט שמעוני)

* * *

דער מהרש״ל זאָגט דעם טעם פאַר וואָס מען מאַכט די ברכה „שעשה לי כל צרכי” אין דער פריה נאָכ׳ן אָנטהוען די שיך (כד סיים מסאני מברך שעשה לי כל צרכי), ווייל די שיך זענען דאָך פון די פעל פון בעלי־חיים, איז דערפון וואָס דער מענטש קען זיך בענוצען מיט די בעלי־חיים צו זיין געברויך, אַ בעוויז אַז ער איז דער העכערער איבער אַלע טיילען פון דער בריאה און אַלעס איז צו איהם משועבד — קען ער ממילא זאָגען: שעשה לי כל צרכי...

בפסח נדונין על התבואה (ר״ה ט״ז)

נישט בלויז דער מענטש דאַרף האָבען גאולה, אויך די תבואה וואָס וואַקסט, דאַרף אויסגעלייזט ווערען פון די שטרוי און פלעווס וואָס פערשליסען איהר אַרום און אַרויסקומען אויף דער פריי: די שאָל וואָס פערדעקט די פרי בעדייטעט איהר גלות און דאָס אַראָפּפאַלען פון דער שאָל, אַזוי אַז די פרי ווערט ענטדעקט — דאָס בעדייטעט: גאולה. די גאולת־מצרים איז די גאולה פון דער גאַנצער טבע, איהר אַרויס־צונעמען פון דער שאָל און פון פסולת וואָס נעמען איהר אַרום. דעריבער איז יציאת־מצרים געוועזען אין חודש פון „אביב” ווען די תבואה ווערט פערטיג — היום אתם יוצאים בחודש האביב...

קומט אויס, אַז יעדען פסח, ווען עס דערוועקט זיך די גאולה, איז אויך אַ זמן פון גאולה פאַר דער תבואה, אַז זי זאָל וואָס פריהער פערטיג ווערען אין אויסגעלייזט ווערען פון איהר פסולת, פון איהר קליפה... (שפת אמת)

דער פסח גיט אַריין חיות אין יעדען יוד. וואָרום פסח און מילה זענען די איינציגע מצוות עשה, אויף וועלכע מען איז חייב כרת אויב מען איז אויף זיי עובר, און „מדה טובה מרובה ממדת פורעניות” - איז דאָך אַ כל-שכן, אַז ווען מען איז יאָ מקיים די דאָזיגע מצוות, גיבען זיי חיות און אריכות ימים, דער היפוך פון כרת...

(חדושי הרי"ם ז"ל)

* * *

פאַרוואָס איז טאַקי אויף די ביידע מצוות עשה פערהאַן דער עונש כרת מעהר ווי ביי אַלע אַנדערע מצוות עשה? ווייל די גאַנצע גאולה פון מצרים איז דאָך געקומען אין זכות פון אָט די צוויי מצוות — בדמיך חיי: דם פסח ודם מילה — דער וואָס היט זיי אַלזאָ נישט, נעמט דאָך אַוועק דעם יסוד פון יציאת-מצרים. איז לויט איהם וואָלטען דאָך חלילה קיין יודען לגמרי נישט עקזיסטירט, האָט ער דאָך ממילא נישט פערדינט צו לעבען...

(בני יששכר)

דעריבער הייסט דער יום-טוב אין דער תורה און אין תפלה „חג-המצות” נישט חג הפסח, ווייל דעם קרבן-פסח האָט מען דאָך מקריב געוועזען אין ערב-פסח און עסען האָט מען איהם נאָר געמעגט ביז דער העלפט פון דער ערשטער נאַכט, רופט מען איהם דעריבער אויף דער מצוה וואָס איז נוהג גאַנצע זיבען טעג, נישט נאָך דעם מצוה וואָס איז נוהג בלויז אין די ערשטע פאָר שעה.

(דובו שלום)

דער פסח אין מצרים איז נור געוועזען איין טאָג (פסח מצרים לא היה חמוצו נוהג אלא יום אחד) פונדעסטוועגען האָט מען שוין אין מצרים געזאָגט זיי צו מאַכען שפעטער זיבען טאָג יום-טוב — שבעת ימים מצות תאכלו... וביום השביעי מקרא קדש - צוליב וואָס האָט מען שוין יעצט געזאָגט אַ מצוה וואָס האָט נאָך יעצט נישט נוהג געוועזען?

נור דאָס ווייזט אויף די דערהאָבענקייט און הויכקייט פון די געטליכע מצוות. אַנדערע פעלקער פייערען דעם טאָג אין וועלכען זייערע שונאים האָבען געהאַט אַ מפלה אַלס יום-טוב פון נצחון. דער רצון פון השי"ת איז נישט צו פרעהען זיך אויף די מפלה אפילו פון די גרעסטע שונאים. ווי דער פסוק זאָגט: „בנפול אויבך אַל תשמח” און ווי די חז"ל דערצעהלען.

אַז ביי קריעת ים סוף האָבען די מלאכים געוואָלט זאָגען שירה האָט השי"ת געזאָגט: מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה? דעריבער איז אין דער גאַנצער תורה, ביים יום־טוב פון פסח, נור, דערמאָהנט די גאולה פון יודען, נישט די מפלה פון די מצ־ריים. אויך זאָגען די חז"ל (ילקוט רמז תרנ"ד), אַז דעריבער שטעהט נישט אין דער תורה דער ענין שמחה אין פסח, ווייל „בנפול אויבך אל תשמח"...

ווען אַלזאָ מען וואָלט יודען געזאָגט שפּעטער, נאָך קריעת ים סוף, צו מאַ־כען דעם זיבעטען טאָג אַ יום־טוב מקרא קודש — וואָלט עס געהייסען, אַז דאָס איז אַ יום-טוב צו פרעהען זיך איבער די מפלה פון די מצריים. האָט מען דעריבער געגעבען זיי דעם בע־פעהל פון „וביום השביעי מקרא קודש" נאָך אין מצרים פאַר קריעת ים סוף, צו ווייזען, אַז דער יום-טוב איז נישט צוליב דעם דערטרינקען ווערען פון די מצריים, אדרבה דער רצון השם איז נישט צו פרעהען זיך מיט דער מפלה פון זיינע ברואים, מעגען זיי זיין ווי שלעכט (משך חכמה)

סדר

פאַרוואָס רופט מען די נאַכט פון פסח „סדר"?

צו ווייזען, אַז אפילו נסים און נפל־אות וואָס מען טהוט פון הימעל, זענען אויך אַ ספּעציעלע הנהגה מיט אַ גע־וויסען סדר און אָרדנונג, נישט קיין צופעליגקייטען. פונקט ווי די טבע האָט אַ סדר, אזוי אויך די נסים וואָס זענען העכער פון דער טבע — האָבען אַ סדר. (חידושי הרי"ם עפ"י המהר"ל).

כאָטש די יודען אין מצרים זענען נישט ראוי געווען צו דער גאולה, האָט זיי השי"ת דאָך אויסגעלייזט, צו־ליב די מצוות וואָס זיי וועלען שפּעטער מקיים זיין, ווי דער פסוק זאָגט: בעבור זה עשה ד' לי בצאתי ממצרים — זאָגט דאָרט רש"י—בעבור שאקיים מצוותיו כגון: פסח מצה ומרור הללו... (שמות י"ג—ח') קומט דאָך אויס, אַז די גאולה פון מצרים, וואָס איז דעמאָלט, בשעת מעשה, געווען „בחפזון" — אין איי־לעניש, אָהן אַ טעם און אָהן אַ סדר, בעקומט אָבער יעדעס יאָהר, ווען יו־דען זענען מקיים די מצוות פון פסח מצה ומרור, דעם געהעריגען טעם און געהעריגען סדר. יעדען פסח, וואָס מעהר יודען זענען מקיים די מצוות, אלץ מעהר ווערט מסודר דער ענין פון יציאת מצרים.

הייסט דעריבער די נאכט — אין וועלכע מען איז מקיים די דאָזיגע מצוות — „סדר".
(שפת אמת)

ס'איז אַ מנהג־ישראל אָנצוטהוּען אַ קיטעל צום סדר.
ווייל אין דער דאָזיגער נאַכט דער־גרייכט יעדער יוד צו דער מדרגה פון כהן־גדול ווען ער איז אריינגעגאַנגען יום־כפור לפני ולפנים צו טהוּען די עבודה. טהוט מען דעריבער אָן אַ ווייס מלבוש, פונקט ווי דער כהן־גדול אין יום כפור האָט געטהוּען די עבודה בבגדי לבן.
(לויטן מהר"ל)

* * *

נאָך אַ טעם: וואָרום דער בעל הגדה זאָגט: „ויהי שם לגוי — מלמד שהיו ישראל מצויינים שם".
ביי די חז"ל געפונען מיר, אַז דער בעגריף „מצויינים" מיינט מען מיט ווייסע מלבושים. וואָרום די חז"ל זאָגען: „תלמידי חכמים שבבבל מצויינים" (שבת קמ"ה) און די כוונה איז, אַז זיי זענען גע־ווען „אויסגעצייכענט" דערמיט וואָס זיי זענען געגאַנגען ווייסע מלבושים (זעה נדרים כ': „רבנן נקראו מלאכי השרת משום דמציינו בגדיהם כמלאכי השרת" און ביי די מלאכי השרת שטעהט דאָך „לבוש הבדים").
ווייל ביים סדר מאַכען מיר אַ זכר צו דעם וואָס יודען זענען אין מצרים געווען „מצויינים", — זענען מיר זיך אויך מצטיין מיט אַ ווייס בגד.
(הגדת מלבי"ם)

אויף דעם וואָס מען נעמט אַנ'איי צום סדר שטעהט אין „כל־בו" אַ טעם אַז דאָס איז אַ זכר פון אבילות אויף חורבן בית המקדש.
ווי קומט אָבער יעצט אין פייער־ליכסטען מאָמענט פון יום־טוב צו מאַכען אַ זכר לאבילות?
נור די גאולה העתידה ערוואַרטען מיר דאָך אין דער נאַכט — ליל שמו־רים הוא לעתיד — און אויב מיר זע־הען, אַז ס'איז שוין נאַכט און משיח איז נישט געקומען, דאַרף מען טרוי־ערען...
(הגדת ילקוט שמעוני)

* * *

נאָך אַ טעם, אויפ'ן איי וואָס מען נעמט צום סדר.

ווייל די טבע פון אַנ'איי איז אַנדערש פון אַנדערע מאכלים, אַז וואָס מעהר מען קאָכט עס ווערט עס האַרטער. דאָס איז אַלזאָ דער סימבאָל פון יודישען פאָלק וואָס מעהר מען פייניגט עס אין פייער און אין וואַסער, אַלץ מעהר ווערט עס געהאַרטעוועט און שטאַנדהאַפטיגער אין דער אמונה — וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ...

(חתם סופר)

אויפ'ן סדר זענען פערהאַן סימנים: קדש ורחץ א. א. וו. פאַרוואָס בענוצט מען זיך עפעס מיט סימנים?

נור ווי בעוואוסט, קען מען אַנ'אבידה צוריק בעקומען דורך סימנים — אבידה נחזרת בסימנים.

אַ גאַנץ יאָהר געפינט זיך דער יוד אין גייסטיגען גלות און ער פערלירט זיין אמת'ן „איך" און זיין קדושה, ער ווערט אַ „אובד". יעצט פסח בייַנאַכט אינ'ם זמן פון גאולה, ווערט דער יוד צוריק נתעורר צו עבודת השם און ער קען זיך צוריק געפונען...

דאָס זענען איהם מרמז די סימנים: די מצוות און די עבודה פון דער הייני-טיגער נאַכט, זענען עס די סימנים דורך וועלכע דו קענסט צוריק בעקומען דיין אבידה, דאָס וואָס דו האָסט אַ גאַנץ יאָהר פערלוירען...

(תפארת איש להרה"ק ממינסק זלה"ה)

* * *

פערצייטישע צדיקים האָבען געזאָגט, אַז דעריבער הייסט די נאַכט סדר, ווייל די דאָזיגע נאַכט גיט אַרויס דעם סדר אויפ'ן גאַנצען יאָהר אַרויס (פסח ראש השנה לרגלים).

די סימנים פונ'ם סדר, זענען אַלזאָ די הכנה אויף דער קבלת-התורה פון שבועות. „אין התורה נקנית אלא בסי-מנים" — די סימנים פונם סדר, העל-פען צו צום קנין התורה אין שבועות.

(שם)

קדש ורחץ

דער נאָרמאַלער סדר פון עבודת השם איז: „סור מרע ועשה טוב". אַלזאָ

דאַרף מען זיך פריהער אָבוואַשען פון שלעכטס און דערנאָך קען מען זיך ערשט מקדש זיין — וטהרו וקדשו...
ביי יציאת־מצרים, האָט אָבער השי״ת נישט געוואַרט ביז יודען וועלען זיך הייליגען און ווערט זיין די גאולה, נור ער האָט זיי אויסגעלייזט און מקדש געווען איידער נאָך זיי האָבען זיך געהאַט אָבגערייניגט פון טומאת־מצרים — בחפזון.

דעריבער איז פסח דער זמן וואָס אַ יוד קען צוקומען צום „קדש" נאָך פאַר'ן „ורחץ" — ער קען אָנהויבען ביים „עשה־טוב" און דאַדורך ווערען אַ „סור מרע"...

(הגה״ק בעל אבני נזר ז״ל מסוכטשוב)

קדש ורחץ כרפס

וואָס מעהר אַ יוד איז זוכה צו קדו־שה, אַלץ מעהר דערזעהט ער זיין שפ־לות, ווי וויית ער איז פון איהר און ער דערפיהלט, אַז ער מוז זיך ערשט אָבוואַשען און מטהר זיין, דורכ'ן „קדש", דערזעהט מען ערשט אויפסניי אַז „ורחץ".

אָבער מען דאַרף נישט דאַדורך אַראָבפאַלען ביי זיך. נור נעמען אַ ביי־שפיל פון „כרפס" — די ירקות וואָס ווערען בענוצט צום סדר, זענען דאָך געלעגען איינגעאַנצען אין דער ערד, קוים איינינע בלעטער האָט מען פון זיי אַ־רויס געזעהען, דאָך ווערען זיי נתעלה, זיי קומען אויפ'ן יודישען סדר־טיש, מען מאַכט איבער זיי אַ ברכה און אַזוי אַרום ווערט דערהויבען אַפילו דער ניצוץ וואָס ליגט בעהאַל־טען אין דער ערד. דערפון דאַרף מען לערנען, זיך מתחזק צו זיין און גלויבען, אַז השי״ת קען דערהויבען דעם מענש פון זיין נידריגסטען ערדישען מצב, צו דער העכסטער קדושה...

(ישמח ישראל)

כרפס יחץ

אויב די וועסט דיך בעגנוגנען מיט עסען ירקות און נישט יאָגען זיך נאָך לוקסוס און טייערע מאכלים, וועסטו ממילא זיך קענען טיילען דיין ברויט מיט'ן אָרימאַן.

די מענשען וואָס לעבען אין ברייטקייט און אין לוקסוס, איז פאַר זיי אַלץ ווייניג און קענען נישט ביי זיך פועל'ן צו געבען עפּעס פון זייערס אויך דעם אָרימאַן.

(לויטן אלשיך)

י ח ץ

דעריבער צובערעכט מען די מצה. ווייל זי איז „לחם עוני" און „דרכו של עני בפרוסה", אַן אָרימאַן עסט צובראָ־כענע שטיקלעך.

מען איז ביי זיך צובראָכען אויף שטיקלעך, מען פיהלט זיך אָרעם, אַז מען פערמאָגט אַליין גאָרנישט נור מען קוקט אויס נאָך די הילף פון הימעל. עינינו אל ד' אלקינו עד שיחננו...

(שם משמואל)

מ ג י ד

אויף „ויגד" מאַכט דער תרגום „ויחוי" — וואָס איז אויך דער טייטש אין ארמיש-לשון: „ווייזען" (ווי: אחוי קידה).

מען דאַרף אַזוי זאָגען די הגדה, מיט אַזאַ רגש און התפעלות, אַז מען זאָל ממש ו ו י י ז ע ן די נסים פון יציאת־מצרים.

והגדת לבנך — דו זאָלסט עס ווייזען דיינע קינדער, זיי זאָלען זעהען נישט בלויז הערען...

(בעל אבני נזר ז"ל מסוכטשוב)

מגיד רחצה

נישט בלויז מען דאַרף זיך אַליין אָבוואַשען פונ'ם שלעכטס, נור מען דאַרף אויך אַנדערע ברענגען צו תשו־בה. מען דאַרף זאָגען צו אַנדערע, אַז מען דאַרף זיך אָבוואַשען און מטהר זיין.

(אלשיך)

מוציא מצה

פון די מצה קען מען אַרויסנעמען קדושה אויפ'ן עסען פון אַ גאַנץ יאָהר. מען קען מוציא זיין קדושה פונ'ם עסען די מצה.

(ישמח ישראל)

מצה מרור

כאָטש מרור דאַרף דאָך זיין פריהער, פונקט ווי די ענוי איז געווען פאַר די גאולה, עסט מען דאָך איהם שפּעטער. ווייל די טבע פון מענש איז, אַז נאָכדעם ווי ער ווערט געהאָלפען פערגעסט ער די פריהערדיגע פיין און ביטערניש. זאָגט מען איהם, אַז נאָך די מצה, וואס איז מרמז אויף חירות, זאָל ער זיך אויך דערמאָהנען אין מרור, כדי מען זאָל איהם נישט דאַרפען דערמאָהנען פון הימעל...

(אחד מגדולי המוסר)

מצה מרור

אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפען דער מרור צו זיין פאַר מצה. ווייל דער מרור איז דאָך אַ זכר צום „וימררו את חייהם" און דאָס איז דאָך געווען פאַר דער גאולה?

נור באמת האָבען דאָך יודען געדאַרפען זיין אין מצרים פיער הונדערט יאָהר אַזוי ווי די גזירה איז געווען „וענו אותם ארבע מאות שנה" — נור די קשוי־העבודה האָט משלים געווען און צוגעאיילט צו דער גאולה.

קומט דאָך אויס, אַז דווקא דאָס גרויסע ביטערניש פון „וימררו את חייהם" — דאָס האָט צוגעאיילט, אַז די גאולה זאָל קומען פאַר דער בעשטימטער צייט. דאַרף דאָך ממילא דער מרור קומען נאָך די מצה, ווייל דער מרור איז דאָך אַ חלק פון דער גאולה. (ספרים)

„מרור" בעטרעפט 446 אַזוי ווי „מות" — ווייל ער איז מרמז אויף די שווערד פון עשו'ן וואָס ברענגט טויט און פערניכטונג. „מצה" בעטרעפט 135 אַזוי ווי „הקל".

פון דאַנען איז אַ רמז אויף דעם וואָס די חז"ל זאָגען אויפ'ן פסוק: הקל קול יעקב והידים ידי עשו — בזמן שקולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אין הידים ידי עשו שולטות.

דער „הקל" קול יעקב איז אַלזאָ די רפואה צום „מות" פון עשו'ס שווערד — די מצה איז די רפואה צום מרור...

(שמעתי)

מצה מרור כורך

מצה איז מרמז אויפ'ן יצר־טוב, מרור איז מרמז אויפ'ן יצר־הרע. מען

דאַרף צוזאַמען נעמען דעם יצר-טוב מיט'ן יצר-הרע צו עבודת ד' — בכל לבבך, בשני יצריך ביצר טוב וביצר הרע.

(אלשיך)

שלחן עורך

אויב אַ יוד עסט בקדושה לשם שמים, הייסט זיין טיש אַ מזבח און זיין עסען אַ קרבן פּאַר השי"ת. ווען אָבער פערקעהרט, איז עס זבחי מתים און עס גיט צו כחות דער סטרא אחרא.

זה השלחן אשר לפני ד' — ווען מען עסט לפני ד' איז דער טיש אַ „שלחן", ווען ס'איז אָבער בלויז לשם תאוה ווערט דער שלחן איבערגעקעהרט. פון די אותיות „שלחן" ווערט: „לנחש".

„שלחן עורך" הייסט, אַז דער שלחן זאָל זיין אַ גלייכגעשטעלטער, אַ גע-אָרדענטער, נישט חלילה אַ פערקעהר-טער...

(הה"ק מאלכסנדר ז"ל לויט'ן עבודת ישראל)

צפון

מען בעהאַלט דעם אַפּיקומן ביז נאָך דער סעודה.

דאָס איז אַ רמז, אַז דאָס נס פון יציאת מצרים איז געווען אַ הכנה צו אַלע שפּעטערדיגע גאולות און וועט ערשט נגמר ווערען ביי דער גאולה שלימה פון לעתיד. (דעריבער זאָגט מען נישט גאַנץ הלל אין אַלע טעג פון פסח, וויל די גאולה פון יציאַת מצרים איז נאָך נישט פערענדיגט...) אין יע-דען דור, ווערט די גאולה נעהנטער צום גמר ביז לעתיד.

בעהאַלט מען דעריבער אַ שטיקעל מצה אויף שפּעטער, צו ווייזען, אַז די ריכטיגע גאולה איז נאָך בעהאַלטען און וועט ערשט שפּעטער פערענדיגט ווערען.

(שפת אמת)

* * *

אַלע געטער פון מצרים זענען פער-ניכטעט געוואָרען נור דער „בעל צפון" ווערט דערמאָהנט אין דער תורה נאָך יציאת-מצרים און עס איז נישט דער-מאָהנט זיין מפּלה?

ווייזט אויס, אַז די מפּלה פון בעל צפון איז געוואָרען בעהאַלטען און וועט ערשט ענטדעקט ווערען לעתיד, ווען

ס'וועט זיין די גאולה שלימה און ס'וועט זיין „והאלילים כליל יחלוף"...

דער צפון פון אפיקומן וואָס איז מרמז אויף די בעהאַלטענע גאולה פון לעתיד, איז אַקעגען די מפלה פון „בעל צפון" וואָס איז אויך בעהאַלטען אויף דעמאָלט...

(חנ"ל)

הלל

דעריבער זאָגט מען הלל אין דער נאַכט פון פסח, ווייל שפּעטער אין דער נאַכט פון שביעי של פסח, ווען די מצריים האָבען נאָכגעיאָגט די יודען און זיי זענען דערטרינקען געוואָרען אין ים סוף, האָבען די מלאכים נישט געזאָגט קיין שירה, וואָרום השי"ת האָט געזאָגט: „מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה?" — האָט דאָך די יציאת־מצרים אין היינטיגער נאַכט גורם געוועזען, אַז ס'זאָל פערפעהלט ווערען אַ שירה פאַר השי"ת, איז מען עס משלים מיט'ן הלל וואָס מען זאָגט יעצט ביינאַכט...

(אזור אליהו)

פאַר דער סעודה הויבט מען אָן צו זאָגען הלל, אין מיטען עסט מען די סעודה און נאָך די סעודה פערענדיגט מען דעם הלל.

דאָס עסען אַליין דאַרף אויך זיין אַ הלל צו השי"ת איז עס ממילא נישט קיין הפסק...

(בשם אדמו"ר מגוד שליט"א)

* * *

עהנליך זאָגט מען נאָך פון פאַרצייטישע צדיקים אויפ'ן פסוק: והיה באכלכם מלחם הארץ תרימו תרומה לד' (במדבר טו—מט) — איהר זאָלט אַזוי עסען דאָס ברויט, אַז דאָס עסען אַליין זאָל זיין ווי געבען אַ תרומה פאַר ג־ט...

הלל נרצה

ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זענען מיר באַוויליגט געוואָרען צו השי"ת דורך די קרבנות — ו נ ר צ ה לו לכפר עליו. היינט ווען דאָס בית־

המקדש איז נישטאָ, זענען אונזערע שירות ותשבחות צו השי"ת אַזוי ווי די קרבנות — ונשלמה פרים שפתינו. און מיר ווערען בעוויליגט דורכ'ן הלל.

(ספרים)

ווען אַ פאָטער איז ברוגז אויף זיין קינד און לאָזט זיך נישט איבער־בעטען גיט זיך דאָס קינד אַן'עצה און דערצעהלט פאַר אַלע כסדר נור די שבחים און די מעלות פונ'ם פאָטער. דער פאָטער דערזעהט אַז אָנשטאָט תרעומות צו האָבען, האַלט איהם דאָס קינד אין איין ריהמען, ווערט ער ווייך און בעט זיך איבער מיט איהם.

מיר וועלען השי"ת אַזוי לאַנג ריהמען און זאָגען הלל ביז — נרצה — ער וועט זיך לאָזען איבערבעטען...

(אבני אזל)

אַרבּע כּוסות

ווי זענען מרומז די כוסות אין דער תורה?

עס שטעהט: "תכוסו על השה" (שמות י"ב—ד'). "תכוסו" זענען די זעלבע אותיות וואָס אין וואָרט "כוסות". דאָס הייסט אַז "על השה" — ביים שעפּסיל פון פסח זאָלען זיין כּוסות...

(מדרש)

לויט די חז"ל זענען די פיער כוסות אַקעגען די פיער לשונות פון גאולה וואָס שטעהען אין דער תורה: א) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים, ב) והצלתי אתכם מעבודתם, ג) וגאלתי אתכם בזרוע נטויה, ד) ולקחתי אתכם לי לעם.

די צרות פון יודען אין אַלע גלות'ן, בעשטעהען פון פיער טיילען: א) די שונאים נעמען צו זייער פאַר־מעגען, גראָבען אונטער זייערע פרנסות און ברענגען זיי צו הונגער און נויט. ב) זיי טהוען אָן יודען קערפּערליכע יסורים, דורך פּאָגראָמען, קלעפּ און ענויים. ג) די שונאים ערנידערען דעם יודישען כבוד און זענען מבזה די יודען מיט די גרעסטע בזיונות. ד) זיי דרוקען אונטער דאָס יודישע גייסטיגע

און רעליגיעזע לעבען, זיי לאָזען נישט אָבהיטען די מצוות און דינען דעם אויבערשטען ווי געהעריג.

אויך אין מצרים זענען יודען אַדורכגעגאַנגען די דאָזיגע פיערערליי צרות. מען האָט זיי צוגענומען דאָס פערמעגען — וישימו עליו שרי מסים; מען האָט געפייניגט זייערע קערפער — ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך; מען האָט ערנידריגט זייער כבוד און געהאַלטען פאַר עבדים און מען האָט זיי נישט געלאָזט דינען השי"ת אַזוי, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלען אין די מ"ט שערי טומאה.

אַקעגען די דאָזיגע פיער מינים פון צרות, האָט השי"ת געזאָגט די פיער לשונות פון גאולה: א) והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים — פון די לאַסט וואָס די שרי מסים האָבען אויף זיי אַרויפגעלייגט דורך ספּעציע־לע שטייערן. ב) והצלתי אתכם מעבודתם — פון דער שווערער קער־פערליכער אַרבייט און יסורי הגוף. ג) וגאלתי אתכם בזרוע נטוי' — פון דער שקלאַפעריי און ערנידערונג און ד) ולקחתי אתכם לי לעם — פון דער גייסטיגער געפאַלענקייט צו זיין אַ געטליך פאָלק.

דעריבער טרינקען מיר אויך פיער כוסות אַקעגען די דאָזיגע פיער גאולות: דאָס ערשטע כוס ביי קידוש — ווי מען זאָגט מקדש ישראל, אַז ער האָט אונז געהייליגט און אַרויסגעהויבען פון די טומאת־מצרים. דאָס צווייטע כוס — אויף וועלכען מען הויבט אָן מיט "עבדים היינו" און מען פערענדיגט מיט "גאל ישראל" אַז השי"ת האָט אונז אויסגעלייזט פונ'ם בזיון פון עבדות און געמאַכט פאַר פרייע מענשן. דאָס דריטע כוס — אויף וועלכען מען בענשט ברכת המזון, אַז השי"ת גיט אונז פרנסה בהרחבה און לאָזט אונז נישט אויסהונגערען דורך די שונאים, און דאָס פירטע כוס — אויף וועלכען מען הויבט אָן "שפוך חמתך... כי אכל את יעקב" אַז השי"ת וועט נקמה נעמען פון די שונאים וואָס פייניגען אונז קערפערליך און ווילען אונז פערניכטען.
(בינה לעתים)

די חז"ל זאָגען אין מדרש אַז פסח, מצה ומרור זענען אַקעגען די דריי אבות.

קען מען ממילא זאָגען אַז די פיער כוסות זענען אַקעגען די פיער אמהות, וואָרום אין זכות פון די אבות און אמהות איז דאָך געקומען די גאולה פון מצרים. ווי עס דרש'ע־נען די חז"ל: מדלג על ההרים — בזכות האבות שנקראו הרים, מקפץ על הגבעות — בזכות האמהות.

דעריבער דאַרף מען טרינקען

פיער כוסות ווייז, וואָרום די נשים צדקניות זענען דאָך געגליכען צו אַ ווייַנשטאָק – אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך...

(מהר״ל)

די חז״ל זאָגען, אַז פאַר פיער זכותים זענען יודען געוואָרען אויסגעליזט פון מצרים: א) וויל זיי האָבען נישט געענדערט זייערע נעמען, ב) וויל זיי האָבען נישט געענדערט זייערע קליידונג, ג) וויל זיי זענען געוועזען אָבגעצוימט און אָבגעהיטען אין זייער פאַמיליען לעבען. ד) וויל ס׳זענען נישט געוועזען צווישען זיי קיין פּראָוואָקאַטאָרען.

אַקעגען די פיער זאַכען טרינקען מיר פיער כוסות. ביים ערשטען כוס זאָגען מיר „מקדש ישראל״ – זיי האָבען זיך דערהאַלטען אין זייער אייגענאַרטיגער קדושה און אָבגעזונדערטקייט. נישט צו טוישען די נעמען. ביים צווייטען כוס – דערצעהלען מיר די נסים פון יציאת מצרים און ווייזען דאָס אמת׳ע יודישע לשון. ביים דריטען כוס – זאָגען מיר אין ברכת המזון „ועל חקיך שהודעתנו. די געזעצען פון ריינעם פאַמיליען לעבען (חוקים שחקקתי לך כבר...) און ביים פירטען כוס – זאָגען מיר אין הלל „למה יאמרו הגויים איה נא אלהיהם״ – זיי מסר׳ן אויף אונז אַז מיר האָבען חלילה פערלאָזען אונזער גלויבען, אָבער באמת איז זייער דילטוריא (פּראָוואָקאַציע) נישט אמת, וויל מיר ווייסען אַז: ואלהינו בשמים כל אשר חפץ עשה...

(בני יששכר)

באמת שטעהט דאָך אין דער תורה נאָך אַ לשון פון גאולה. נעבען יענע פיער לשונות שטעהט דאָך אויך „והבאתי אתכם אל הארץ״, דאַרף מען דאָך טרינקען פינף כוסות?

נור יענע פיער לשונות, קענען אַרויפגעהן אַפילו אויף יעצט ווען מיר זענען אין גלות, וויל: „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו יצא ממצרים״. אָבער „והבאתי אתכם אל הארץ״ – קען דאָך נישט זיין כל זמן מיר זענען אין גלות נישט אין אונזער לאַנד, ממילא קענען מיר נישט טרינקען קיין פינפט כוס אַ קייגען „והבאתי״.

דעריבער גיסט מען אָן אַ ספּעציעלען כוס, וועלכעס מען רופט „כוס של אליהו״ – אויסצודרוקען אונזער אמונה און בטחון, אַז אליהו הנביא וועט קומען אונז מבשר זיין די גאולה

העתידה, דעמאָלט וועלען מיר שוין קענען טרינקען אַ פינפט כוס אַ קייגען „והבאתי אתכם אל הארץ״, וואָס וועט טאַקי מקויים ווערען...

(הגדה מגיד מישרים)

דער זוהר הקדוש זאָגט, אַז אין מצרים איז דער דיבור געווען אין גלות, און ביי יציאת מצרים איז דער דיבור אויסגעלייזט געוואָרען.

דער מענשליכער דיבור קומט דאָך אַרויס פון פינף איברים, וואָס ווענען אין מויל (חמש מוצאות הפה): ליפען, ציין, צונג, גימען, האַלז. איז אַקעגען די גאולה פון די ציין — עסט מען מיט זיי די מצה און אַקעגען די גאולה פון די אַנדערע פיער מוצאות, טרינקט מען פיער כוסות...

(שפת אמת)

דער עיקר זכות פון יודען ביי יציאת מצרים איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבען מבטל געווען אינגאַנצען זייער דעת צום השי״ת און זענען נאָכגעגאַנגען נאָך משה רבינו אין אַ מדבר אריין, אַפילו אָהן שפייז אויפ׳ן וועג. ווי דער נביא זאָגט: „זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולותיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה (ירמיה ב׳ ב׳). צוליב דעם האָבען זיי געקענט מנצח זיין די טומאה פון מצרים וואָס האָבען נישט געוואָלט מבטל זיין זייער דעת צו השי״ת, ווי פרעה האָט געזאָגט: לא ידעתי את ד׳...

דורכ׳ן מבטל זיין דעם דעת צום אויבערשטען איז מען ערשט זוכה צום ריכטיגען דעת ווייל „תכלית הידיעה שלא נדע״...

טרינקט מען דעריבער פיער כוסות וויין, וואָס נעמט אייגענטליך צו דעם דעת פון מענש, כדי צו ווייזען, אַז אויך מיר היינט זענען גרייט מבטל צו זיין אונזער דעת צוליב דער מצוה... און דערמיט איז מען מעורר דעם זכות פון יציאת מצרים.

(שם משמואל)

* * *

דער רבי ר׳ בונם ז״ל פון פשיסכאַ האָט אַמאָהל אויסגעקליבען דעם גרעסטען בעכער פון זיינע כוסות, און ווענדענדיג זיך צום שפּעטערדיגען קאָצקער רבי״ן ז״ל, געזאָגט: „דו האָסט דאָך אַ גרויסען מוח נעם דיר דעם כוס צו די ארבע כוסות״...

אַ גרויסער מוח, וואָס האָט אַסאַך

דעת, דאַרף מעהר טרינקען ביז ער איז מבטל זיין דעת... און מוז האָבען אַ גאַר גרויס כוס...

(הנ״ל)

פאַר וואָס גיסט מען אָן אַ בעזונדער כוס און מען רופט עס „כוס של אליהו״?

ווייל ס'איז אַ מחלוקת צווישען די פוסקים צי מען דאַרף טרינקען אַ פינפטע כוס (זעה פסחים קי״ז ותוספות שם) און יעדער ספק אין דער הלכה וועט ענטשיידעט ווערען דורך אליהו הנביא („תיקו״ מאַכט: ת'שבי י'תרץ ק'ושיות ו'ספיקות). הייסט דעריבער דער פינפטער כוס וואָס מען גיסט אָן און מען ווייסט נישט צי מען איז עס מחוייב צו טרינקען — אליהו'ס כוס — ער וועט מברר זיין די הלכה וועגען דעם דאָזיגען כוס.

(בשם בעל הפלאה ז״ל)

* * *

נאָך אַ טעם: פונקט ווי ביי יעדען ברית מילה גרייט מען אָן אַ שטול פאַר אליהו הנביא, אַז ער זאָל זיין אַן עדות דאָס יודען זענען מקיים די מצוה פון מילה. אַזוי ביים פסח, וועלכען קיין ערל טאָר נישט עסען, און אַפילו ווען ס'איז פערהאַן אַ נישט געמל'עט קינד טאָר דער פאָטער נישט עסען פון פסח — רופט מען אליהו הנביא, דעם מלאך הברית, אַלס עדות, אַז אַלע זענען בני ברית און מעגען זיך בעטייליגען אין עסען דעם קרבן פסח.

(דבש וחלב)

סיפור יציאת מצרים

פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין ברכה פאַר דער מצוה פון ספור יציאת מצרים, פונקט ווי מען מאַכט אַ ברכה פאַר יעדער מצוה (כל המצוות מברך עליהן עובר לעשייתן)?

נור דער דין איז, אַז אַ גר ווען ער איז זיך טובל ביים ווערען אַזאַ יוד, מאַכט ער די ברכה נאָך די טבילה, נישט פריהער, ווייל דאַן איז ער דאָך נאָך אַ גוי און קען נישט זאָגען „אשר קדשנו במצוותיו וצונו״.

און ווייל „בכל דור ודור חייב אדם

לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצ־רים״. דאַרף זיך דאָך יעדער יוד בעטראַכטען, אַז ערשט יעצט ווערט ער אַ יוד פונקט ווי מיר זאָגען אין דער הגדה וועגען אונזערע עלטערן: „מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו״.

דעריבער טהוען מיר ווי אַ גר און מאַכען נישט די ברכה פאַר׳ן ספור־יציאת־מצרים, נור ערשט דערנאָך זאָגט מען די ברכה „גאל ישראל״ — ווייל דורכ׳ן ספור יציאת מצרים ווערען מיר ערשט אויפסניי יודען, ווערען מיר ערשט אויפסניי מקורב לעבודת המקום.

(חתם סופר)

* * *

דערמיט איז אויך פערענטפערט די קשיא פאַרוואָס ביי יעדען קרבן תודה אויף אַ נס וואָס איז געשעהען, זענען פערהאַן חלות פון חמץ און פון מצה, און ביי קרבן פסח, וואָס איז אייגענטליך אַ תודה אויפ׳ן נס פון יציאת מצרים, טאָר מען נישט עסען קיין חמץ נור בלויז מצה? (באמת טייטשט טאַקי דער אַברבנאל, אַז דאָס איז די ערשטע קשיא פון מה נשתנה: שבכל הלילות אנו אוכלין חמץ ומצה הלילה הזה כולו מצה...)

נור ווייל מיר בעטראַכטען זיך, אַז יעצט געהט מען ערשט אַריין אין דער עבודת־הבורא — ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו — הייסט דאָך דאָס אַ קרבן־מלואים („מלואים״ הייסט דאָך אַז מען געהט צו צו אַ נייער עבודה) און ביים קרבן־מלואים איז טאַקי נישט געווען קיין חמץ נור בלויז מצה...

(הנ״ל)

* * *

דער שפת אמת ז״ל האָט געענטפערט אויף דער קשיא, פאַרוואָס מען מאַכט נישט קיין ברכה פאַר׳ן ספור יציאת מצרים. אויף אַזאַ אופן:

די מפרשים ערקלערען, אַז דעריבער מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף די מצוות שבין אדם לחבירו (ווי: צדקה, גמילות חסדים, בקור חולים א. ד. ג.), ווייל דאָס זענען מצוות־שכליות, וואָס דער מענשליכער שכל פערשטעהט אַליין אַז מען דאַרף אַזוי טהוען קען מען דעריבער נישט זאָגען „אשר קדשנו במצוותיו וצונו״, וואָרום קדושת־ישראל קומט נור בולט צום אויסדרוק ביי אַזעלכע מצוות וואָס ווען נישט דער צווי ד׳ וואָלט מען זיי אַליין נישט פערשטאַנען.

אַז מען דאַרף לויבען השי״ת פאַר׳ן נס פון יציאת־מצרים, איז אויך אַזאַ פשוט׳ע זאַך, אַז דער שכל פון געוועהנ...

ליכסטען מענש פערשטעהט עס. אזוי ווי די חז״ל דערצעהלען: רב נחמן האָט געפרעגט זיין קנעכט דרו: אַ קנעכט וואָס זיין האַר לאָזט איהם אַרויס פריי און גיט איהם צו גאָלד און זילבער וואָס דאַרף ער איהם זאָגען? האָט דרו געענטפערט: ער דאַרף איהם דאַנקען און לויבען. האָט רב נחמן געזאָגט: האָסט מיך שוין גע׳פטר׳ט צו זאָגען מה נשתנה (פסחים קט״ז) — ממילא איז עס אַ מצוה שכלית און מען דאַרף נישט מאַכען קיין ברכה אויף איהר...

* * *

נאָך אַ טעם איז פערהאַן פאַרוואָס מען מאַכט נישט קיין ברכה אויף ספור יציאת מצרים, ווייל ס׳איז אַזאַ מצוה וואָס האָט נישט קיין קצבה ווי דער פסוק זאָגט: „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך — דאַרף מען דאָך דאָס גאַנצע לעבען האַלטען אין איין דערצעהלען אַזוי אַז די מצוה ווערט קיינמאָל נישט פערענדיגט און איבער אַזאַ מצוה מאַכט מען נישט קיין ברכה, פונקט ווי מען מאַכט נישט קיין ברכה אויף תפלה, ווייל ס׳האָט נישט קיין שיעור וויפיל מתפלל צו זיין — והלואי שיתפלל אדם כל היום״...

דאָס איז די כוונה פונ׳ם בעל הגדה: מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים — אַי ווען פרעגען אויב ס׳איז אַ מצוה, פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין ברכה? איז דער תירוץ, ווייל — כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח — איז עס דאָך אַ מצוה וואָס ווערט נישט אָבגעטהוען, קען מען דעריבער נישט מאַכען קיין ברכה...

(בינת ישכר)

* * *

די ראשונים זאָגען אַז דעריבער מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף סיפור יציאת מצרים, ווייל מען האָט שוין יוצא געוועזען די אייגענטליכע מצוה מיט׳ן קידוש, אין וועלכען עס ווערט דערמאָהנט יציאת מצרים.

דאָס זאָגט אַלזאָ דער בעל-הגדה: מצוה עלינו לספר — דאָך מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף דער מצוה, ווייל — וכל המרבה לספר הרי זה משובח — דער וואָס מעהרט און דערצעהלט נאָכ׳ן קידוש, הייסט שוין אַ שבח, אַ צווייג פון דער מצוה, אָבער דער עיקר מצוה האָט מען שוין יוצא געוועזען מיט׳ן קידוש — ממילא קומט נישט צו מאַכען קיין ברכה...

(ברכת השיר)

מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים
וכל המרבה לספר הרי זה משובח. (הגדה)

הגאון ר"א אשכנזי ז"ל טייטשט דעם דאָזיגען מאמר, אַז ס'איז אַ מצוה צו זאָגען די קינדער סיי דעם עצם ענין פון יציאת מצרים און די גרויסע נסים וואָס איז דערביי געשעהען און סיי דאָס אַליין אַז מען דאַרף וואָס מעהר דערצעהלען, פערטיעפען זיך און מפלפל זיין זיך אין יציאת מצרים — די ביידע זאַכען זענען בכלל די מצוה פון „והגדת לבנך"...

דער פשט איז אַלזאָ: מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים — און דאָס איז אויך בכלל פון דער מצוה צו זאָגען די קינדער — אַז כל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח. ממילא איז שוין ריכטיג פאַרוואָס אין אָנהויב שטעהט „מצוה" און דערנאָך שטעהט נור בלויז „משובח"...

כל המרבה לספר הרי זה משובח.

דער ספור־יציאת־מצרים, בעסערט אויס דעם מענש, דערהייבט איהם און מאַכט איהם איידעלער, וואָס מעהר ער דערצעהלט אַלס בעסער ווערט ער...

(ספרים)

* * *

דאָס ליגט אויך אין די ווערטער וואָס די חז"ל זאָגען: מתחיל בגנות ומסיים בשבח (מען הויבט אָן די הגדה „מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו", וואָס איז אַ גנות פאַר יודען און מען פערענדיגט מיט'ן לויב פון יודען). דער כח פון סיפור יציאת מצרים איז אַזוי גרויס אַז אפילו ווען מען הויבט אָן צו זאָגען די הגדה איז מען אין אַ נידריגען צושטאַנד, מען געפינט זיך אין אַ מצב מגונה, פערזיכערט מען אונז אַז ביים פערענדיגען וועט מען שוין זיין בעסער...

(הרה"ק מהרר"י מאלכסנדר זצ"ל)

הרי זה משובח — איז דער טייטש: ס'איז אַ סימן, אַז ער איז שוין פריהער אַ בעסערער מענטש. (דעריבער שטעהט נישט „ראוי לשבחו" אָדער „ישובח" אַ לשון עתיד, נור „משובח" אַ תואר.)

דער קאָוונער רב הגאון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל האָט עס מסביר געווען מיט אַ משל: אַ שיף האָט זיך אַמאָהל געטרינקען אין ים און ס׳האָט איהר געדראָהט אַ גרויסע סכנה. אויף דער שיף זענען געווען פערשידענע מענ־שען, רייכע און אָרימע. פלוצלינג האָט ג־ט געשיקט אַ ישועה אין די שיף איז ניצול געוואָרען פון געפאַהר. האָט יע־דער געלויבט השי״ת פאַר דער הילף וואָס ער איז ניצול געוואָרען. דאָך פערשטעהט מען, אַז אַנדערש איז גע־ווען דער לויב פון די גרויסע עשי־רים און אַנדערש אויך פון די גרויסע אָרימע לייט. די לעצטע, וואָס האָבען נישט קיין הנאה פון זייער לעבען און זענען שטענדיג פול מיט יסורים, קען זייער לויב דאָך נישט זיין אַזוי גרויס און טיעף ווי פון די עשירים, וואָס פערמאָגען זעהר פיל רייכטום און פער־ברענגען אַ גוט לעבען אין גליק און תענוגים.

ביי יציאת מצרים איז אויך די הילף געווען אויף צוויי אופנים. אייגער גאָר אַ פשוט׳ער אופן וואָס מען איז פריי געוואָרען פון קנעכטשאַפט און פון קערפערליכע פיין און דער צווייטער אופן אַ העכערער, אַ גייסטיגער, וואָס מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער טומאה פון מצרים, פון גייסטיגער פער־שקלאַפונג און מיר האָבען זוכה גע־ווען מקבל צו זיין די תורה, צו ווע־רען ג־ט׳ס דינער און אַ הייליג פאָלק, דער פראָסטער מענש וואָס פערשטעהט נור צו דאַנקען פאַר דער קערפערלי־כער בעפרייאונג, האָט ממילא נישט וואָס מאריך צו זיין און מרבה צו זיין אין סיפור יציאת מצרים, דער וואָס איז אָבער יאָ מרבה לספר — איז עס אַ בעווייז אַז ער איז משובח — אַ הע־כערער, בעסערער מענטש מיט אַ טיע־פערער הבנה אין תורה און אין יו־דישקייט. אַז ער פערשטעהט צו לויבען, בעזונדער פאַר די גייסטיגע ישועה וואָס איז פערבונדען מיט יציאת מצרים. וואָס מעהר אַלזאָ איינער האָט זוכה געווען צו פערשטעהן די תו־רה, אַלץ מעהר מוז ער דאַנקען און לויבען צו השי״ת פאַר דעם נס פון יציאת־מצרים איז דאָך דער „מרבה לספר" אַ סימן אויפ׳ן מענש, אַז — הרי זה משובח...

* * *

עהנליך צום דערמאָהנטען רעיון ווערט עס נאָך פערשטאַנען אויף דעם אופן:

אַנ׳אָרימאַן וואָס איז אויך געווען זעהר פראָסט און אונוויסענד, איז אַמאָהל געוואָרען רייך, האָט ער זיך געדונגען מלמדים און לעהרער, וועל־כע האָבען איהם געמאַכט פאַר אַ למדן און וויסענשאַפטס־מאַן. שפּעטער האָט ער דאָס פערמעגען פערלוירען, דאָך האָט ער יעדעס יאָהר אינ׳ם טאָג וואָס ער איז אַמאָהל אין איהם רייך געוואָרען געמאַכט אַ יום־טוב. האָבען איהם מענשען געפרעגט:

דו ביזט דאָך היינט צוריק אַנ'אָרימאַן, וואָס איז אַלזאָ מיט דיר די שמחה? האָט ער געענטפערט: אמת טאַקי, דאָס געלד האָב איך צוריק פערלוי־רען אָבער דאָס וואָס איך האָב זוכה געוועזן צו קענען לערנען און צו וויסען דורכ'ן עשירות, דאָס איז מיר געבליבען אויף אייביג, ממילא דאַרף איך מאַכען אַ יום־טוב.

ווען אַלזאָ מיר פרעהען זיך מיט יציאת־מצרים, מאַכען אַ יום־טוב און דערצעהלען די שבחים פון השי"ת אויך היינט, כאָטש מיר זענען צוריק אין גלות און ווערען געפייניגט מיט ענויים קשים — דאָס איז אַ סימן, אַז מיר פרעהען זיך בעיקר מיט דעם וואָס דורך יציאת־מצרים, זענען מיר געוואָרען יודען און זוכה געוועזן צו דער תורה וואָס מיר האָבען אַפילו אינ'ם גלות. די גייסטיגע מעלות וואָס יציאת־מצרים האָט אונז געגעבען, דאָס וועלען מיר שוין קיינמאָל נישט פערלירען.

דעריבער כל המרבה לספר — אפילו היינט אין די פינסטערע גלות־טעג, איז אַ סימן אַז — הרי זה משובח — ווייל דערמיט, ווייזט ער, אַז די שמחה איז אַ גייסטיגע, אויף די תורה און עבו־דת השם, צו וועלכע מיר האָבען זוכה געוועזן דורך יציאת־מצרים, אויף אייביגע צייטען.

(דברי שאול)

באמת טאָר מען דאָך נישט צופיל זאָגען די לויב השי"ת — אסור להר־בות בשבחו של מקום — נור ביי יצי־את מצרים מעג מען יאָ. ווייל דער וואָס איהם איז געשעהען אַ נס אין דער צייט און אויף דעם אָרט ווי דאָס נס איז געשעהען, מעג מען יאָ, אַד־רבה מען איז מחוייב מרבה צו זיין בשבחים והודאות. ווייל אַלזאָ מען זאָגט פריהער: אילו לא הוציא הקב"ה את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו — קומט דאָך אויס, אַז דאָס נס איז אונז אַ־ליין געטהוען געוואָרען, ממילא איז שוין — כל המרבה לספר הרי זה משובח.

דעריבער זאָגט מען אויך אין סוף פון דער הגדה: ו א ו ת נ ו הוציא משם... ל פ י כ ך אַנחנו ח י י ב י ם להודות...

(שפת אמת)

עס וואָלט געוועזן אַ סברא צו זאָגען, אַז מען דאַרף נישט צופיל דערצעהלען וועגען די נסים שלא כדרך הטבע וואָס השי"ת טהוט, ווייל דאָס

זעהט אויס ווי מען וואָלט פערקלענערט די אמונה אין די טאָג-טעגליכע נאָר־מאַלע השגחה פון השי״ת איבער דער וועלט. וואָרום באמת איז דאָך די שטענדיגע געזעצמעסיגע הנהגה פון דער טבע אויך איין גרויס נס, וואָס איז נאָך גרעסער דערמיט, ווייל עס איז אַ קביעות׳דיג און שטענדיג נס, וואָס דויערט לאַנג און איז נישט צייט־ווייליג, ממילא ווען אַ מענש ווערט נור נתפעל פון אַ נס שלא כדרך הטבע, הייסט דאָך דאָס אַזוי, ווי ער וואָלט נישט נתפעל געוואָרען פון דער שטענדיגער השגחה וואָס איז אַ כסדר־דיג נס. דעריבער מוז דער בעל הגדה זאָגען: וכל המרבה לספר ביציאת־מצרים הרי זה משובח — דאָך איז עס יאָ געוואונשען אין די היינטיגע נאַכט מרבה צו זיין בספור יציאת מצרים, ווייל היינט איז דאָס די צייט פונ׳ם נס. אויב מען דאַרף דאָס נישט מאַ־כען אַלס שטענדיגע שיטה, צו לויבען נור פאַר נסים שלא כדרך הטבע. אָ־בער אינ׳ם זמן פון נס איז עס משו־בח.

(כתב-סופר)

* * *

צוויי מאמרים זאָגען די חז״ל וואָס זעהען אויס ווי סתירה׳דיג. אין איין מאמר ווערט געזאָגט: „כל האומר תהלה לדוד בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא״ און אין אַ צווייטען מאמר ווערט געזאָגט: „כל האומר הלל הגדול בכל יום הרי זה מחרף ומגדף״.

נור לויט׳ן דערמאָהנטען רעיון איז דער ענין פערשטענליך.

אין הלל-הגדול רעדט זיך נור פון די נסים שלא כדרך הטבע, — יציאת מצרים, קריעת ים סוף א. ד. ג. — ווען מען זאָגט איהם יעדען טאָג, נישט אין די צייטען ווען די נסים זענען געשעהען, הייסט עס, אַז מען לויבט נור השי״ת פאַר נסים שלא כדרך הטבע, נישט פאַר דער טבע׳דיגער הנהגה, איז מען טאַקי אַ מחרף ומג־דף, ווייל מען גלויבט נישט אין דער שטענדיגער השגחה פון השי״ת. דאַגע־גען אינ׳ם מזמור „תהלה לדוד״, רעדט זיך וועגען דער שטענדיגער געטליכער הנהגה פון דער וועלט — מלכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור; ואתה נותן להם את אכלם בעתו — ווען מען זאָגט אַלזאָ דאָס יעדען טאָג און מען פראָקלאַמירט די אמונה אין דער שטענדיגער טעגליכער השגחה — איז מען טאַקי אַ בן עולם הבא...

(משך חכמה)

ואפילו כולנו חכמים כולנו נבונים כולנו יודעים
את התורה מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים.

וויפיל אַ מענש האָט שוין געלערנט תורה, געפונט זיך דאָך נאָך ביי איהם עטעס אַ מדה, וואָס איז נאָך אין גלות ביים יצר־הרע און ביי די כחות הגוף און דאַרף צו האָבען אַ גאולה. אין דער דאָזיגער נאַכט, דורכ׳ן התעוררות פון יציאת מצרים, קענען טאַקי אָט די אַלע כחות און מדות פונם מענש ווערען אויסגעלייזט און נתקרב ווערען צו השי״ת, דעריבער איז: מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים — פון דער יציאה פונ׳ם איינגענעם גלות...

(ספר הזמנים)

עין „מדרש־חזית״ איז פערהאַן צוויי טעמים פאַרוואָס חזקיה המלך האָט נישט געזאָגט קיין שירה נאָכ׳ן נס פון די מפלת-סנחריב. איין טעם איז, ווייל ער האָט געזאָגט: די תורה אין וועלכע איך בין עוסק איז מכפר אויפ׳ן נישט זאָגען שירה און אַ צווייטער טעם איז, ווייל חזקיה האָט געזאָגט: נאָך וואָס דאַרפען מיר זאָגען שירה אַז די נסים מיט די גבורות פון השי״ת זענען שוין בעוואוסט און בעקאַנט אויף דער וועלט.

דעריבער זאָגט דער בעל הגדה: ואפילו כולנו חכמים כולנו נבונים — אַזוי אַז אַלע ווייסען און פערשטעהען די נסים און די גבורות פון השי״ת — ואפילו כולנו יודעים את התורה — אַזוי אַז דאָס תורה לערנען קען פערטרעטען די שירה, פונדעסטוועגען — מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים — און נישט אָנווענדען די תירוצים פון חזקיהו המלך.

(יפה נוף)

דורכ׳ן ספור יציאת מצרים, איז מען ממשיך אַ קדושה אויף די איברים פון גוף און מען גיט זיי צוריק דאָס אמת׳ע גייסטיגע חיות, וועלכעס ווערט פאַרלוירען אויב אַן׳איבר טהוט אַן׳עבירה.

און היות ווי די איברים פונ׳ם מענש, שטרעבען שטענדיג און בעטען זיך ביי אונז, אַז מיר זאָלען זיי צוריק געבען זייער שלימות און משפיע זיין אויף זיי דאָס חיות פון קדושה, טהוען מיר ממילא אַ מצוה אין זיי ווען מיר דערצעהלען די נסים פון יציאת מצרים. דאָס הייסט: מצוה עלינו — מיר טהוען אַ מצוה אין זיך אַליין אין אונזערע

איברים דורכ'ן — לספר ביציאת מצ-
רים...
(אַ רמז דערויף איז פערהאַן אין יל-
קוט אויפ'ן פסוק: ויצו ד' אלקים אל
האדם לאמר — לאמר להאברים...)
(ישמח ישראל)

מזכירין יציאת מצרים בלילות. אמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא (משנה ברכות פ"א)

רבי אלעזר בן עזריה האַלט (ברכות ט'), אַז דער קרבן-פסח ווערט נור גע-געסען ביז האַלבע נאַכט, ווייל די ער-לויבניש אַרויסצוגעהן האָבען די יודען נאָך בעקומען ביינאַכט. כאָטש זיי זע-נען ערשט אַרויסגעגאַנגען אין דער פריה, איז אָבער לויט זיין שיטה, דער עיקר נס דאָס ערלויבען אַרויס-צוגעהן.

דעריבער האָט זיך רבי אלעזר בן עזריה אַזוי שטאַרק בעמיהט צו ברענ-גען בעווייזען, אַז דער עיקר מצוה פון סיפור יציאת-מצרים איז ביינאַכט, דען דאָס פערשטאַרקט זיין שיטה...
(ברכת השיר להגה"ק מהר"ל חריף ז"ל)

מזכירין יציאת מצרים בלילות

אפילו מען געפינט זיך אין גרעס-טען נאַכט-חושך און אין שפלות, זאָל מען זיך אויך נישט מייאש זיין, נור גלויבען, אַז מען קען דערהויבען ווע-רען פונ'ם חושך און צוריק קומען צו עבודת השם. פונקט ווי די יודען אין מצרים, וואָס זענען געוועזען משוקע אין מ"ט שערי-טומאה און דווקא אין די מינוטען פון גרעסטען שפלות איז געקומען די גאולה און זיי האָבען זון כה געוועזען צו ווערען עבדי ד'...
(ספרים)

והיו מספרים ביציאת מצרים... עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע.

די דאָזיגע חכמים (רא"ע, ר"י, ר"ע און ר"ט) האָבען פאַר זייערע תלמידים

אַזוי אויפגעלויכטען דעם ענין פון יציאת - מצרים (מספרים — פון לשון „ספיר ויהלום״) ביז די תלמידים האָבען משיג געווען און געקומען צו דער הרגשה, אַז יציאת - מצרים איז דער זעלבער סוד ווי פון קריאת־שמע...

(הרה״ק רח״ה זצ״ל מאלכסנדר)

די דאָזיגע צדיקים האָבען זיך אַזוי פערטיעצט אין די נסים פון יציאת מצרים, אַז ס'איז אַרום זיי געווען ליכטיג פונ'ם זיו השכינה, אור פני מלך חיים (דעריבער בני־ברק — פון לשון: הרואה אומר ב ר ק א י) און זיי האָבען לגמרי נישט געפיהלט קיין חי־לוק צווישען די פינסטערניש פון דער נאַכט ביז'ן ליכט פון טאָג — ס'איז זיי כסדר געווען ליכטיג. האָבען די תלמידים דעריבער געמוזט דער־מאָהנען: הגיע זמן קריאת שמע של שחרית...

(שבחא דמרא)

היו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה

„לילה״ איז מרמז אויף די פינס־טערע נאַכט פון גלות. דאָס וואָס מיר עקזיסטירען אין גלות איז נור צוליב די השפעה פון די נסים פון יציאת מצרים. די דאָזיגע צדיקים האָבען אַל־זאָ עוסק געווען ממשיך צו זיי די חסדים און די רחמים פון יציאת־מצ־רים אויפ'ן גלות אַרויס — כל אותו הלילה...

(תפארת שלמה)

כאָטש די דאָזיגע צדיקים האָבען אַ גאַנצע נאַכט עוסק געווען אין יציאת מצרים און משיג געווען די גרעסטע השגות, זענען זיי דאָך סוף כל סוף געבליבען שטעהן ביי אמונה. ווייל זיי האָבען געזעהען, אַז דער מענש קען נישט אַלץ משיג זיין. דאָס איז די כוונה: הגיע זמן קריאת שמע — ס'איז שוין געקומען אַ מאָמענט וואָס דער מענשליכער שכל קען ווייטער נישט געהן און מען מוז אָנקומען צו קריאת שמע — צו פשוטע אמונה אין אחדות ד' און עול־מלכות־שמים...

(שם משמואל)

והגדת לבנך

די מצוה פון סיפור יציאת מצרים האָט די תורה בעיקר פערבינדען מיט'ן דערצעהלען צו די קינדער.

וויל יודען זענען דעמאָלט נתקרב געוואָרען צו דער קדושה און געוואָרען דאָס געטליכע פאָלק, האָט מען זיי באַלד געלערנט, אז דער יסוד פון יודישקייט איז בעיקר דער חינוך פון די קינדער, נישט צו בעגנוגענען זיך מיט דעם וואָס מען ווייסט אַליין, נור מען מוז עס אַריינבערענגען אין די קינדער.

דעריבער האָבען די תלמידים געזאָגט: „רבותינו הגיע זמן קריאת-שמע" — וואָרום ביי קריאת-שמע וואָס בעדייטעט קבלת עול מלכות שמים, שטעהט אויך באַלד דער בעפעהל „ושננתם לבניך" — זיי האָבען אַלזאָ יעצט פערשטאַנען אז ס'קען נישט זיין קיין יציאת-מצרים און קיין קבלת עול מלכות שמים אָהן דעם „והגדת לבנך" און „ושננתם לבניך"...

(אבני אזל)

* * *

אין מצרים זענען מעהרסטענס גזירות געוועזען נוגע די יודישע קינדער. אין אָנהויב האָט מען יודען נישט געלאָזט האָבען קיין קינדער — וירא את עניינו זו פרישות דרך ארץ —; זענען זיי שוין געבוירען געוואָרען, איז געקומען דער בעפעהל צו די מילדות אַז זיי זאָלען די יונגלעך הרג'ענען — אם בן הוא והמתן אותו; דאַן איז געקומען די גזירה, אַז מען זאָל די יונגלעך אַריינוואַרפען אין טייך — כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו; ווען פרעה האָט געפאָדערט אַ גרויסען קאָנטיגענט ציגעל און יודען האָבען עס נישט געקענט צושטעלען. האָבען די מצריים — ווי עס גיבען איבער חז"ל — גענומען יודישע קינדער, אַריינגעמויערט און אַריינגעקוועטשט אין די בנינים אויפ'ן אָרט פון די פעהלענדע ציגעל; דאַן ווען דער מלך מצרים איז מצורע געוואָרען, נעמט מען ווידער יודישע קינדער, מען לאָזט זיי שחט'ען און ער באָדט זיך אין זייער בלוט — אַזוי, אַז די גרעסטע רדיפות און עינויים זענען געוועזען געווענדעט אַקעגען די יודישע קינדער. דעריבער יעצט ווען מען פייערט דעם גאולה יום טוב און מען דערצעהלט וועגען די נסים פון יציאת מצרים האָט די תורה בעפוילען, בעיקר צו דערצעהלען די יודישע קינדער, וואָס זיי האָבען אַלץ געליטען, פון וואָס זיי זענען געראַטעוועט געוואָרען און וויפיל זיי דאַרפען צו לויבען און דאַנקען ג-ט דערפאַר.

אויך ביי קריעת ים סוף — זאָגען די חז"ל — אַז די זויגענדיגע קינדער האָבען אויפגעהויבען די קעפּלעך ארויס

געלאָזט די מוטערס ברוסט פון מויל און מיטגעזאָגט שירה (סוטה ל׳) — ווייל די גרעסטע גאולה האָבען געפיהלט די יודישע קינדער צוליב די גרויסע גזירות וואָס זענען געווען אויף זיי.

(הגדה תולדות משה)

* * *

ביים סדר נעמט מען אָן ספעציעלע מיטלען און מען מאַכט היכרים, אַז די קינדער זאָלען פרעגען. ס'איז פיל בעסער. אַז דו זאָלסט זיי מעורר זיין אין דער היים, דאָס זיי זאָלען דיך פרעגען, איידער זיי וועלען אַרויס געהן אין גאַס און אַנדערע זאָלען זיי מאַכען פאַר קשיא-פרעגער, דען דעמאָלט וועלען שוין דיינע תשובות נישט ווירקען...

(אחד מגדולי המוסר)

* * *

אַז דער פאָטער איז אַ גוטער יוד, ער איז מחבב די תורה און די מצוות און איז דאַדורך אַ גוטער ביישפיל פאַר די קינדער, וועט ער ממילא נישט שפעטער דאַרפען הערען די שאלה פון אַ בן-רשע: „מה העבודה הזאת לכם״? אויב ס'איז פערהאַן אַ בן-רשע, וועלכער פרעגט יאָ אַזעלכע שאלות, איז אַ סימן, אַז דער פאָטער איז שולדיג דערין, ער האָט זיך אַזוי געפיהרט אַז ער זאָל נישט זיין אַ גוטער מוסטער פאַר די קינדער און האָט זיך נישט גענוג בעמיהט אין זיי איינצופלאַנצען תורה און יראת-שמים.

דעריבער זאָגט דער בעל הגדה: „ואף אתה הקהה את שיניו״, דו ביזט עס שולדיג דערין, וואָס דו מוזט איהם יעצט קאַליע מאַכען די ציין, ווי דער פסוק זאָגט: „אבות יאכלו בוסר ושיני בנים תקהינה״ — אַז די עלטערן עסען אומצייטיגע פרוכט, ווערען קאַליע די ציין פון די קינדער (ירמיה ל״א—כ״ח).

* * *

ווען דער פאָטער איז נאָך אַ יוד, וואָס איז אַ זהיר במצוות, פרעגט איהם נאָך דער זוהן קשיות און מען קען איהם זאָגען: ואתה הקהה את שיניו. אויב אָבער דער פאָטער איז שוין אַזעלכער וואָס פרעגט קשיות, וועט דער זוהן איהם שוין נישט פרעגען, נור דער פאָטער מקהה זיין די ציין...

(שמעתי בשם אחד מבעלי המוסר)

* * *

די יונגע קינדער וואָס האָבען נאָך נישט קיין הבנה אויפצונעמען די דברי תורה פונם פאָטער, איז די מוטער מחוייב אין זיי איינצופלאַנצען יראת-שמים ביים אומגעהן מיט זיי, ביים עסען, ביים שפילען זיך, ביים צערטלען זיי, זי דאַרף זיי אָבהיטען פון שלעכטע מעשים, אָבגעוועהנען פון שלעכטע מדות און דערוועקען אין זיי חשק צו תורה און מצוות. די דאָזיגע יודישע ערציהונג פון די מוטער האָט די גרעסטע פעולה אויפ'ן ריינעם און תמימות'דיגען קינדערישען האַרץ.

דעריבער זאָגט דער בעל הגדה: ושאינו יודע לשאול את פתח לו — „את" איז אַ לשון נקבה, ווייל דאָס זאָגט מען דער מוטער, אַז זי זאָל עפענען דאָס האַרץ פונ'ם גאָר קליינעם קינד, וואָס ווייסט נאָך גאָרנישט די תורה און יודישקייט.

(באר שמואל)

יעדער משפיע ווערט סימבאָליזירט אַלס זכר און יעדער וואָס איז מקבל די השפעה ווערט סימבאָליזירט אַלס נקבה. קומט דאָך אויס, אַז אויב איינער לערנט מיט אַ צווייטען, איז ער דער רבי, אין דער בחינה פון זכר און דער תלמיד אין דער בחינה פון נקבה.

דאָס איז אָבער נישט דער ריכטיגער וועג פון חינוך.

דער אמת'ער רבי דאַרף עפענען דאָס האַרץ פון תלמיד און איהם וויזען אַ וועג אַזוי אַז עס זאָלען זיך דער וועקען די כשרונות און השגות פון תלמיד אליין צו פערשטעהן און צו קענען משפיע זיין, אין דעם זין דאַרף דער רבי זיין אין דער בחינה פון נקיבה, וואָס מאַכט דעם תלמיד פאַר אַ בעל-השפעה.

דעריבער זאָגט דער בעל הגדה ואת פתח לו — לשון נקיבה, דו זאָלסט אַזוי עפענען דאָס האַרץ פונ'ם קינד אַז ער אַליין זאָל נתעורר ווערען צו זעלבסטשטענדיגער השפעה..

(הגה"ק בעל אבני נזר ז"ל)

כנגד ארבעה בנים דברה תורה

אין דער תורה ווערען דערמאָהנט פיער זכותים, צוליב וועלכע יודען זע-

נען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים: א) זכות אבות — אלהי אבותיכם נראה אלי; ב) ברית־אבות — ויזכור אלהים את בריתו את אברהם את יצחק ואת יעקב; ג) זכות פון קבלת התורה — בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה; ד) זכות פון די מצוות פסח און מילה וואָס יודען האָבען מקיים געווען — ואראיתי את הדם ופסחתי.

די פיערעליי גרופען יודען, וואָס ווערען כאַראַקטעריזירט אין די ארבעה בנים, זענען ראוי אויסגעלייזט צו ווערען, אין די דערמאָהנטע פיער זכותים. דער חכם וואָס איז אַליין מקיים די מצוות מיט מסירת נפש האָט דעם זכות־מצוות; דער תמימות'דיגער יוד וואָס האַלט זיך אין דער תורה און גלויבט אין איהר, האָט דעם זכות פון קבלת התורה. דער שאינו יודע לש־אול כאָטש ער האָט גאָרנישט און ווייסט גאָרנישט, איז אָבער ראוי צו גאולה צוליב דעם זכות־אבות, וואָרום דורך די אבות האָט ער אַ שייכות צו יודען און צו השי"ת. דער רשע אָבער, וועמען אפילו קיין זכות אבות קען נישט העלפען, ווייל ער איז נישט „עושה כמעשיהם ובוחר בדרכיהם" — מוז אויך צום סוף אויסגעלייזט ווערען צוליב דעם ברית־אבות, צוליב דעם בונד וואָס השי"ת האָט געשלאָסען מיט די אבות און זיי צוגעזאָגט נישט צו לאָזען יודען אונטערגעהן אַפילו ווען זיי זענען שלעכט...

(מעשי נסים)

---

* * *

דער ענטפער צום „שאינו יודע לשאול" איז די זעלבע ווי צום רשע (כאן רמז תשובה לבן רשע — רש"י) ווייל שאינו־יודע־לשאול, מיינט מען נישט בלויז, אַז ער ווייסט נישט צו פרעגען ווייל ער האָט קיין דעת נישט, נור אַז ער איז אַזוי שלעכט, אַזוי דערווייטערט און פערפרעמדעט פון דער תורה און פון יודישקייט, דאָס ער ווייסט שוין אַפילו נישט צו פרעגען קיין שאלות; ער איז אינגאַנצען אַסימילירט און אָבגעריסען פון יודען, דאָס ער האָט שוין אַפילו נישט קיין אהנונג צו פרעגען שאלות אין יו־דישע ענינים. דאָך אַפילו צו אַזאַ בן רשע, דאַרף דער פאָטער זאָגען, אַז ער זאָל נישט מיינען, דאָס ער וועט זיך טאַקי קענען אינגאַנצען אַסימילי־רען און ווערען אויס יוד. פונקט ווי אין מצרים, זענען אפילו די דעמאָלט געגנצליך אַסימילירטע און פערפרעמדע־טע יודען געצוואונגען געוואָרען אַרויס צוגעהן, מען האָט זיי אַרויסגעטריבען מיט כח און צוריקגעשטויסען זיי צו זייער פאָלק, אַזוי אויך היינט, וועט השי"ת מסבב זיין, אַז די היינטיגע פייניגער וועלען דערמאָהנען אַלע פער־פרעמדעטע און פערשטויסענע יודען,

דאָס זיי זענען יודען, מען וועט זיי אַרויסטרייבען פון די גויאישע געזעל־שאַפט און צוואונגען צוריק צו קעה־רען זיך צו זייער פאָלק.

בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — אָט צוליב דעם טאַקי, וואָס אין מצרים זענען מיר געוועזען דער־וויטערט און אַסימילירט, צוליב דעם האָט אונז ג־ט מיט כח אַרויסגענומען, אַזוי וועט ער אויך אַרויסשלעפּען מיט כח די פערפרעמדעטע און אַסימילירטע קינדער פון היינטיגע, גלות...

(הגדה יקו לאור)

....

* * *

ווען דער בן - רשע רעדט אַזוי חוצפה׳דיג און פרעגט: „מה העבודה הזאת לכם״ — האָט נישט קיין צוועק מיט איהם צו פיהרען וכוחים און איהם וועלען איבערצייגען, ווייל ער פרעגט דאָך נישט כדי צו וויסען אַנ־טפער, נור ער זאָגט זיך דאָס זיי־ניגע (נישט „כי ישאלו בניכם״ — נור „כי יאמרו בניכם״ — דער רשע פרעגט נישט צו הערען אַ תשובה, נור זאָגט) דעריבער זאָגט דער בעל הגדה צום פאָטער, אַז ער זאָל דעם דאָזיגען בן רשע גאַרנישט ענטפערן, נור ער זאָל ווענדען זיין בליק און אויפמערק־זאַמקייט צו די איבריגע קינדער, בעי־קר צום נאַאיווען קינד, וואָס ווייסט נאָך גאַרניש און עס דראָהט אַ גע־פאַהר, אַז דער רשע זאָל איהם נישט בעאיינפלוסען צום שלעכטען — צום דאָזיגען „שאינו יודע לשאול״ זאָל דער פאָטער זאָגען „בעבור זה עשה ד׳ לי״ — און דערביי אָנווייזען אויפ׳ן רשע, זאָגענדיג: „לי ולא לו״.

איז ממילא ריכטיג פאַרוואָס ביים בן רשע איז דערמאָהנט די תשובה וואָס מען גיט דעם „שאינו יודע לשאול״ און פאַרוואָס עס שטעהט נישט „לי ולא לך״ — אין נוכח, נור „לי ולא לו״ — אין נסתר. וואָרום דער פאָטער רעדט דאָס באמת צום שאינו יודע לשאול. דעם רשע ענטפערט ער נישט..

הגר״א ז״ל מווילנא)

* * *

דער קאַמף געהט שטענדיג צווישען חכם און רשע. דעם תם און שאינו יודע לשאול — די פשוט׳ע תמימות׳־דיגע און גאָר נישט וויסענדיגע, — גע־פונען זיך אין מיטען פון דאָזיגען קאַמף, יעדער וויל זיי צוציהען אויף זיין צד. און אָט די דאָזיגע תמימים און שאינם יודעים לשאול, די דעצי־דירען תמיד אינ׳ם קאַמף וואָס פיהרט זיך צווישען די חכמים און רשעים. צו וועמען זיי הערען זיך צו, דער האָט די מעהרהייט און ממילא דעם כח אין יודישען לעבען.

דער רשע וואָלט באמת געוועזען אין אַ פערשווינדענער מינדערהייט, ווען נישט דער תם און שאינו יודע לשאול וואָל־טען איהם צוגעהאָלפען...

(שמעתי)

* * *

אין דער גמרא ירושלמי ווערט אָנ־גערופען דער בן תם — בן טיפש.

וואָרום די חז״ל דערצעהלען זעהר פיל וועגען דער גרויסער חכמה פון די ירושלים׳ער קינדער, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אינטעליגענץ, הבנה און אָריענטאַציע (זעה פתיחה פון מדרש איכה).

דעריבער האָט מען אין ירושלים נישט געקענט פערשטעהן, אַז נאָך אַזעלכע נסים פון יציאת־מצרים, זאָל אַ קינד פרעגען סתם: „מה זאת״? און גאָר־נישט וויסען. אויב עס איז יאָ פער־האַן אַזאַ קינד, איז עס מסתמא אַ טי־פש — אַנ׳אונענטוויקעלט קינד, אָבער נישט קיין תם — וואָרום ביים גרעס־טען תמימות דאַרף מען אויך נישט פרעגען „מה זאת״?...

די גמרא ירושלמי, וואָס איז פער־פאַסט געוואָרען אין ארץ־ישראל, רופט דעריבער אַן אַזאַ תם — טיפש...

(שמעתי בשם חכם אחד)

והגדת לבנך ביום ההוא — דו זאָלסט זאָגען צו דיין זוהן, דעם שאינו־יודע־לשאול — לאמור — און ער זאָל דיר נאָכזאָגען וואָרט ביי וואָרט דעם פסוק: בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — וועט עס השי״ת אָננעמען אַזוי ווי ער אַליין וואָלט עס געזאָגט...

דעריבער איז דאָס אויך אַ תשובה פאַר׳ן בן־רשע. וואָרום ווען ער זאָגט דיר נאָך די ווערטער: בעבור זה עשה ד׳ לי — איז ער דאָך מתקן דאָס וואָס ער האָט פריהער געזאָגט: מה העבודה הזאת לכם ולא לו — איז דאָס זיין תשובה...

(עיר דוד)

אַזאַ רשע, וואָס האָט שוין געטהוען פיל עבירות פאַר זיך, אָבער דאָך וואָגט ער נישט אָבצולאַכען פון אַנ־דערע, ווען זיי זענען מקיים די מצוות ד׳ און האָט נישט די חוצפה געגען צו שטעלען זיך זיינע עלטערן און אָבצושפעטען פון זייער עבודת ד׳ — אַזאַ רשע האָט נאָך אַ האָפנונג, אַז ער וועט דאָך אַמאָהל אויסגעלייזט ווע־רען פון זיין טומאה. דער בן רשע אָבער, וואָס זיין עזות און חוצפה דער־גרייכען שוין אַזוי וויט, אַז ווען ער זעהט דעם פאָטער ערפילען אַ מצוה, לאַכט ער איהם אין פנים אַריין מיט חוצפה און זאָגט מיט שפאָט: „מה העבודה הזאת לכם״ — אַזאַ רשע האָט שוין קיין שום האָפנונג נישט, אַנדערש צו ווערען.

דעריבער זאָגט איהם דער פאָטער: בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים — נור צוליב דעם זענען יודען דאַן אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים, כאָטש זיי זענען געוועזען משוקע אין דער טומאה פון מצרים, ווייל זיי האָבען

געהאַט דורך אַרץ פאַר זייערע עלטערן די זקנים און די מנהיגי האומה. זיי האָבען נישט מעיז פנים געווען זיך געגען צו שטעלן משה רבנו און די זקנים, ווען זיי זענען געקומען און גערעדט צו זיי, פערקעהרט גאַר „ויאמן העם" — דאָס פאָלק האָט געגלויבט, זיך בעצויגען צו זיי, מיט כבוד און עהרפורכט און זיי נאָכגעגאַנגען — דעריבער האָבען זיי געקענט שפּעטער ראוי זיין צו דער גאולה. אָבער אַזעלכע רשעים ווי דו, וואָס האָבען אָבגעלאַכט און געשפעט פון זייערע עלטערן, און האָבען געפרעגט מיט חוצפה: „מה העבודה הזאת לכם" — די זענען טאַקי פערלוירען געגאַנגען און פערפאַלען געוואָרען אין דער טומאה. די זענען נישט אויסגעלייזט געוואָרען, ממילא — אלו היה שם לא היה נגאל — אַזעלכע ווי דו קענען קיין האָפנונג נישט האָבען צו ווערען אויסגעלייזט און בעפרייט פון רשעות... (כתב סופר)

* * *

לויט'ן דין טאָר אַ ישראל מומר נישט עסען פון קרבן פסח אַזוי ווי די תורה זאָגט „כל בן נכר לא יאכל בו — שנתנכרו מעשיו לאביו שבשמים (פסחים צ').

אין מדרש ווערט דערצעהלט: אַז ווען משה רבינו האָט געמאַכט דעם קרבן פסח, האָט דער אויבערשטער בעפוילען צום ווינד און ער האָט געברענגט צוטראָגען די ריחות פון גן־עדן אויפ'ן קרבן פסח. אַזוי אַז דער געשמאַק האָט זיך געפיהלט אַ מרחק פון פערציג טעג גאַנג. האָבען זיך אַלע יודען צונויפגעזאַמעלט צו משה רבינו און געבעטען זיך: גיב אונז צו עסען פון קרבן־פסח. וואָרום זיי זענען פער'חלש'ט געוואָרען פונ'ם ריח. האָט זיי משה רבינו געזאָגט: אויב איהר וועט זיך נישט מל'ה זיין וועט איהר נישט קענען דערפון עסען, אַזוי ווי די תורה זאָגט: כל ערל וכל בן נכר לא יאכל בו (מדרש רבה שמות פי"ט).

די גמרא זאָגט אויך, אַז ווען מען זעהט אַ מאכל וואָס האָט אַ געשמאַק און ס'רופט אַרויס אַ זאַפטיגקייט צווישען די ציין (קיוהא) און מען עסט נישט דערפון, איז אַ סכנה (כתובות ס"א).

קומט דעריבער דער רשע וואָס „נתנכרו מעשיו לאביו שבשמים" און שרייט: „מה העבודה הזאת לכם"? — פאַרוואָס עסט איהר נור בלויז פונ'ם קרבן פסח, און גיט נישט מיר אויך אַ שטיקעל צו עסען. וואָרום דער געשמאַק פון פסח, רופט אַרויס ביי איהם אַ זאַפט צווישען די ציין און ער פיהלט זיך בסכנה, אויב ער וועט נישט עסען דערפון.

אָבער „לפי שהוציא את עצמו מן הכלל וכפר בעיקר" — איז ער דאָך אַ בן נכר וואָס איז פערפרעמדעט געוואָרען פון יודישען כלל, קען ער פון פסח נישט עסען און דערמיט איז מען „מקהה אא שיניו" דער „קיוהא" פונ'ם

פסח, בלייבט איהם אין מויל און ער קען נישט דערפון געניסען — וואָרום בעבור זה עשה ד׳ לי, ולא לו...

(הגאון ר׳ חיים בערלין ז״ל)

והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם — בשורה טובה נתבשרו ישראל שיהי׳ להם בנים ובני בנים (מדרש)

דאָ רעדט מען דאָך פון אַ בן־רשע, טאָ וואָס איז עס די גוטע בשורה, אַז זיי וועלען האָבען אַזעלכע קינדער? נור ווען ס׳זענען נאָך אַזעלכע רשעים וואָס זאָגען עס צו די עלטערן, אָבער זיי געהען נישט צו די גויים, כדי מיט זייער מיטהילף צו בעקעמפען דאָס יודישקייט און פאַר זיי אויסצורעדען אויף די גלויביגע יודען, אַזוי ווי עס האָבען געטהוען די ערשטע משכילים און רעפאָרמער, וואָס האָבען זיך גענומען צו הילף שונאי־ישראל, כדי צו פערשפרייטען „ליכטיגקייט" צווישען יודען און בעקעמפען דעם „פאַנאַטיזם" — איז עס נאָך אַ בשורה טובה, ווייל אַזעלכע רשעים זענען נור פערפיהרט און פערבלענדעט, אָבער דער יודישער כבוד איז נאָך ביי זיי עפּעס ווערט און זיי האָבען אַ תקוה צוריקגעקומען צו אונז. שלעכט איז אָבער ווען די בנים־רשעים זענען שוין אַזעלכע, וואָס דעם „מה העבודה הזאת לכם" זאָגען זיי נישט צו די עלטערן נור צו פרעמדע — אַזעלכע מוזען שפּעטער אָבפאַלען פונ׳ם יודישען שטאַם און שפּעטער זיך אויסשמד׳ען. אַזוי ווי ס׳איז טאַקי געוועזען דער סוף פון די ערשטע רעפאָרמער און משכילים, וועלכע האָבען איבערגעלאָזט דורות משומדים וואָס טהוען יודען אָן שטענדיגע צרות.

(דברי שערי חיים)

אויב מיר וועלען זיך אין דער גאַנצער גלות נאַכט האַלטען ביי יציאת מצרים; מיר וועלען געדענקען אונזער קדושה און אייגענאַרטיגקייט און נישט מפסיק זיין פון תורה ומצוות; מיר וועלען זיין בני חורין אינ׳ם עבדות (אין לך בן חורין אלא העוסק בתורה) און דאָס אויך איבערגעבען און אַריינזאָגען אין אונזערע קינדער — וועלען מיר דערגרייכען צום גרויסען מאָמענט, ווען ס׳וועט אויפשיינען דער מאָרגענשטערען פון דער גאולה, ס׳וועט אָנקומען דער „שחרית", דער פריהמאָרגען, אין וועלכען די גאַנצע וועלט וועט אַנערקענען ג־ט׳ס הערשאַפט און אַלע וועלען זאָגען קריאת שמע — קבלת עול מלכות שמים.

(אבני אזל)